אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך

# בעקבי הצאן



# פארווארט

עס שטייט אין די ספה"ק – ווען די אידישע פרוי צינדט אן די שבת ליכט איז דאס "עבודת המנורה"! דאס איז אזוי חשוב און געהויבן ווי די מינוט ווען דער כהן גדול איז צוגעטראטן אנצינדן די ליכט אין בית-המקדש (בני יששכר)

דער כהן גדול איז געווען אנגעטאהן מיט די הייליגע בגדי כהונה און אזוי זיך מדבק געווען צום הייליגן בורא טוהענדיג די הייליגע עבודה. א אידישע מאמע וואס וויל זוכה זיין צו דביקות הבורא, בשעת'ן טוהן "איר" הייליגע עבודה קען צו דעם זוכה זיין דורך זיך אנטוהן הייליגע בגדי צניעות, אזוי ווי אונזערע הייליגע אמהות, און אזוי אויספועלן כל טוב אין די הייליגע מינוטן.

אויפן פסוק (אין שיר השירים) וריח שלמותיך כריח לבנון- דאס אנגענעמע ריח פון דיינע קליידער איז אזוי געשמאק ווי די בוימער פון לבנון! – זאגן אויף דעם חז"ל אז דאס גייט ארויף אויף די הייליגע קליידער פון כהן גדול וואס מיט זיינע בגדי כהונה איז ער מכפר אויף אידישע קינדער. הייגט אבער אז מיר האבן נישט קיין בגדי כהונה ווער איז מכפר אויף אידן? די צניעות'דיגע מלבושים פון אידישע טעכטער וועלכע ענדערן נישט דעם לבוש פון אונזערע אבות ואמהות. דאס איז מכפר און באשיצט דאס אידישע פאלק.

ביי די מעשה פון קמחית (וואס האט זוכה געווען צו 7 זיהן כהנים גדולים) ערקלערט דער מהרש"א, פארוואס האבן חז"ל געפרעגט פאר איר און נישט פאר איר מאן? משום שיראת שמים וצניעות ומידות טובות של האם – גורמים יותר לבני'ה שיהיו צדיקים וחכמים, ממה שגורם לבנים צדקת האב. ד.מ. די יראת שמים, צניעות און גוטע מידות פון די מאמע איז מער גורם אז די קינדער זאלן זיין צדיקים וחכמים – ווי די צדקות פונעם טאטן.

זוכט איר א סגולה פאר סיי וועלכע ישועה? צניעות איז די שטארקסטע סגולה!

לאמיר זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה שנת גאולה וישועה.

## פארשידענע מוסטערס

הרה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע האט אמאל געזאגט ביי א דרשה: ווען איינער האט א געשעפט פון קליידער, וועט ער נישט אריינעמען אין זיין געשעפט נאר איין סארט קלייד פון איין מאס, נאר ער וועט איינהאנדלען אלע סארטן מוסטערס פון פארשידענע מאסן. ווייל עס קומען דאך אריין אין זיין געשעפט א סאך מענטשן, וואס פאר יעדן פון זיי איז צוגעפאסט אן אנדער מוסטער מיט אן אנדער מאס. אזוי האט יעדער וואס צו קויפן. אזוי אויך ווען איך זאג מוסר, רעד איך וועגן פארשידענע ענינים און מצוות וואס דארפן א תיקון, און אזוי ווי עס קומען אסאך מענטשן הערן, און פאר יעדן פעלט זיך אויס א תיקון אין אן אנדער ענין, נישט גלייך ווי ביים צווייטן, דעריבער קען זיך יעדער אויסוועלן דעם מין ענין וואס איז פאסיג פאר אים, אוואו ער דארף זיך פארעכטן און מחזק זיין.

אזוי אויך האבן מיר צוזאמגעקליבן אין אונזערע צניעות בלעטער פארשידענע ענינים וואס אין אונזער דור פעלט אויס א תיקון אין די ענינים, און יעדע איינע זאל זיך אויסקלייבן איר ענין וואס איז פאר איר פאסיג, און אין וואס זי דארף חיזוק.

און אזוי וועלן מיר מיט א כח הרבים ווערן געשטארקט אין די וויכטיגסטע ענין מיט וואס אידישע טעכטער ווערן געלויבט, און דורכדעם זוכה זיין צו כל מיני ישועות און צו די גאולה שלימה, בב"א.

# מרן הגאב"ד ובית דינו שליט"א



קריאה קדושה מטעם כ"ק הגאב"ד והגר"ץ שליט"א על מ

בס"ד

# קדושים תהי

בין היתר הזכירו שבתקופה האחרונה נפרץ

לובשות מטפחות וסוגי כיסויים שהן סטיה מד

וכיסוי מוחלט של הצואר

לתשכה ותיקון, האחרונה גדולה מאד, והאיש בוש כי מן השמים דורשים

קול משמים קורא לחזק גדרי הצניעות

ושתלכנה בנות ישראל במטפחות

– וחלילה לא ללבוש מטפחות או כיסוי

שהמה סטיה מן הצניעות רח"

ובזכות שנגדור גדר ונחזק ונשמור מכל סטיה מן

יסור כל קטרוג מעם ישראל, ויעמוד לזכות ביום

לנשים הגודרות ושומרות עצמן מ

ונתבשר בשורות טובות בכלל ובפרט ולכולהם שנת גאולת וישועה בביאת גו

נאם ישראל יעקב פישר ראב"ד

נאם אברהם

נאם בנימין ראבינאוויטץ

נאם מאיר בראנ

נאם משה הלברשטאם

הנני מצטרף לדברי הגאוה"צ הביד"צ שליט"א לחזק גדרי הצניעות,

התימה טובה, ויתברכו בדורות ישרים מבורכים.

ישראל משה בלאאמו"ר הגה"ק מהרי"

---

BETH DIN ZEDEK
OF THE ORTHODOX
COMMUNITY JEWISAH
JERUSALEM ISRAEL
26 STRAUSS ST.
P.O.B. 5006 TEL. 02-6246345 FAX 02-6221317

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
שע"י "העדה החרדית"
פעיה"ק ירושלם תובב"א
רח' שטראוס 26 / א
ת.ד. 5006 טל. 02-6252608 פאקס 02-6221317

בס"ד, ד' אלול תשס"א

## קו"ק להתעוררות בענייני צניעות

כל אשה או בת שרוצה לקבל על עצמה בעזה"י ובל"נ להתחזק בצניעות להשתפר למעשה ולהגדיל אור השכינה הק' בתוך ביתה, יברכו אותן הרבנים הגאונים שליט"א בעזה"י ובל"נ, שבזכות ההנהגה בצניעות במסירות, שתראינה את ברכות ה' גם למעלה מן הטבע ברוחנית ובגשמיות ושיזכו להפקד בדבר ישועה ורחמים, בבני, חיי, ומזוני רויחי, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, וימלא ה' כל משאלות לכם לטובה.

דוגמאות של קבלות (לפי בחירה):

א. לא ללבוש בגדים צרים

ב. תיקון בכיסוי צוואר ועורף.

ג. ללבוש גרביים עבות של 70 דנייר כאלו שאינם שקופים.

ד. לא ללכת בבגד טריקו, ג'ינס, עור או סקיי.

ה. ללכת בשרוולים ארוכות.

ו. ללבוש שני בגדים (אחד על הגוף ושני מעליו) גם בכסוי הראש.

ז. היות ובפאה נכרית יש הרבה שאלות ומי שיש לה יר"ש תחליף מפאה למטפחת.

ח. לקשור את המטפחת יותר בצניעות.

ט. לחנך את הבנות להעדיף ללכת עם צמות (צעפ).

י. והלובשות צעיף (שאל) רוח חכמים נוחה הימנה.

יא. לא ללכת בין שני גברים.

יב. לא לדבר בקול רם ברחוב.

יג. להוסיף צניעות בתוך הבית.

יד. חאת למודעי כבר נאסר שלא תדברנה הנשים ברחוב ובמקומות ציבוריים בפלאפון.

טו. אסור לנשים לילך בנעליים עם קפקפים וכדומה, המשמיעות קול.

ויקויים בנו בזכות נשים צדקניות עתידין להגאל בביאת גוא"צ בב"א.

וח"ש הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם:

נאם:

נאם:

נאם:

נאם:

---

מהר"ל מפראג:

# צניעות

# איז די עיקר לויב און העכסטע מדריגה פון א פרוי

מטעם רבינו כ"ק מרן הגאב"ד שליט"א והגאה"צ הביד"צ שליט"א

# קול קורא
# לצניעות בנות ישראל

כבר הורעש כמה פעמים חובות ודרכי הצניעות הנדרשים מבנות ישראל הכשרות השומרות על דת משה ויהודית, ומאחר לאחרונה נתדרדרו במאד גדרי הצניעות ונפרץ פרץ בחומת הקדושה ע"י קיצור הבגדים באופן מבהיל, וגם חדר לבתי החרדים ויש שהסירו עדי הצניעות מעליהם ומקצרות את הבגדים שהוא בגדר אביזרייהו דג"ע רח"ל.

אשר על כן אנו חוזרים ומפרסמים

## שחובה על פי ההלכה שאורך הבגד יכסה למטה מהברך עד אמצע הרגל (שיכסה כל החלק הרחב שתחת הברך) ולא פחות.

וחובת המנהלות והמחנכות בבתי החינוך לבנות וכן חובה על כל איש לביתו ובנותיו לשמור על כן, שהוא מעיקרא דדינא כדת תורה וחובה להוכיח על כך.

וכל השומרות על הצניעות בהלכה יזכו לרב נחת דקדושה ויוצאי חלציהם מתוך בריות גופא וכס"ם. וגדול זכות הצניעות שבזכותן נגאלו אבותינו ממצרים להוושע בגאולת עולמים.

הבוח ט' שבט תשנ"ב לפ"ק הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם משה שטרנבוך הראב"ד | נאם יהושע ראזענבערגער
נאם אברהם יצחק אולמאן | נאם יעקב מענדל יאראוויטש
נאם נפתלי ה. פרנקל

דברי הבד"צ שליט"א וקיימין מחויבים להתנהג כמו שאמר במכתבם תתברכו כל השומעים לדברי חכמי ישראל בשפע ברכה והצלחה וכט"ס

נאם יצחק טובי' וויס רב ואב"ד פעיה"ק ת"ו

דפוס 0573-1000-84

# לאורם נסע ונלך

...שמרת הצניעות

כ"ב אלול תשנ"ו

...ד

...והנהגות הוראות חז"ל ...בנער כי סודאי נורם ...רבים ח"ו.

...מאד שנשים ...רך הצניעות ...כשרה ודא כיסוי הראש.

...מאחור.

...פסדות צעירים ...ים, המקודדים את כלנו ...וקן ותשובה.

...ת בכלל ...ת כשרות. ...ים כהנ"ל ...ל.

...הצניעות ח"ו ...הדין והרחמים ...לשנות ח"ו

...בר בכבודו ח"ו ונשמע ...א"צ ברחמים כב"א.

...הבד"צ דפעיה"ק ירושלים ת"ו

מתוך מכתב הבד"צ למחנכות

## אודות חומר איסור לבישת בגדי סריגים

אחד מן המכשולות הגדולות בדורינו הוא בגדים צמודים, על כן חובה להקפיד כדלהלן: **החולצות, החצאיות הסוודרים, האפודות** וכדומה, יהיו **רחבים דיים** שלא להבליט צורת הגוף. והננו מגלים דעתינו דעת תורה שאיסור חמור ללכת בבגדים צרים, ובכלל זה חצאיות ושמלות בגיזרה צרה, חולצות גופי', וכל הבגדים המפורטים למעלה העשויות מבד נצמד כגון טריקו, לייקרה, **וכל מיני סרוג אסורים בהחלט...**

יש להחדיר בחינוך הבנות גאוה במלבושי הצניעות ובהנהגותיה, בבחינת "ויגבה לבו בדרכי ה'". צניעות היא הכתר והתפארת שלנו וראוי לשבח את המוסיפות גדרים וסייגים בענין זה.

מטעם כ"ק מרן הגאב"ד שליט"א והגאה"צ הב...

# על פרצת הבגדים הצרים

נחרדנו לשמע על גורל הפרצה הנוראה בחומת הצניעות, אשר נגע הבגדים הצרים חדר לתוך מחנינו ומכלה כל חלקה טובה. והנה איסור זה אשר מלפנים היה ברור ופשוט לכל בר דעת, נפרץ עתה בעוה"ר ורבים חללים הפילה, אוי לדור שכך עלתה לו.

ומאחר שרגשות הצניעות התמעטו בדורנו, ורבים אינם יודעים את חומר האיסור.

**הננו לגלות דעתנו דעת תורה שאיסור חמור ללכת בבגדים צרים, ובכלל זה: חצאיות ושמלות בגיזרה צרה או ישרה, וחולצות התפורות בצורה הדוקה או מבד נצמד כגון טריקו וכדו'.**

גם כבר הזהיר מרן בעל מנח"י זיע"א עם הבד"צ שהנשים הלובשות שמלות שסועות פתוחות מן הצדדים או מן האמצע שזה איסור חמור הגובל עם אביזרייהו דג"ע ועבירה על דת יהודית.

ולא יראה ולא ימצא בבתי ישראל ובחנויות בגדים אלו המסלקים את השכינה מישראל, ומביאים לאסונות נוראים ל"ע שנמס כל לב לשמעם.

ובאנו בחיזוק הקדושה, הטביה בחוצות המחנים ישיר מפסטו כל הפסטיים והמפרנים ליאשר למשמרת הדת, ויגרנו בשובנו שמחות ישועות ונחמות, ותכה בטהרה לביאת גו"צ בב"י.

בעה"ח למען קדושת ישראל הביד"צ דפעיה"ק ת"ו י"ד כסלו תש"ס

נאם ישראל יעקב פישר הגאב"ד | נאם בנימין ראבינאוויטש | נאם אברהם דוד הורוויץ
נאם משה שטרנבוך | נאם משה הלברשטאם | נאם מאיר בראנדסדארפער

בס"ד הנני מצטרף לדברי הגאוה"צ הביד"צ שליט"א בחיזוק גדרי הצניעות בפרטים שנפרצו לאחרונה בעוה"ר ולמוהי"ר ולנוהר שלומים תן כמי נהר. ויזכו להשראת השכינה בבתי ישראל ולהשפעת טובות בגו"ר וביאת משיחנו אמן

נאם ישראל משה דושינסקי רב ואב"ד פעיה"ק ת"ו

## ד׳ אמות של הלכה – ולא תלכו בחוקות הגוי



1) דער רמב"ם שרייבט: "אין הולכים בחוקי הגויים" - מען גייט נישט אין די וועגן פון די גוים. מען פארגלייכט זיך נישט צו זיי נישט אין קליידונג, און נישט מיט די האר, און נישט אין אנדערע ענליכע זאכן, ווי עס שטייט אין די תורה "ולא תלכו בחקות הגוי" און נאך שטייט: "ובחוקותיהם לא תלכו", און נאך א דריטע ווארנונג "השמר לך פן תנקש אחריהם" היט זיך (פון די וועגן פון די גוים) טאמער וועסטו געשטרויכלט ווערן נאך זיי.

2) אזוי ווערט אויך גע׳פסק׳נט אין שולחן ערוך: "אין הולכין בחוקות העכו"ם, ולא מדמין להם, ולא ילבש מלבוש המיוחד להם, אלא יהא מובדל מהם במלבושיו ובשאר מעשיו" און דער בית יוסף ברענגט אז יעדער בגד וואס איז פורץ דעם גדר הצניעות והענוה, איז אסור, ווייל אזעלכע בגדים זענען א וועג פון שחץ וגאוה, און דער דרך פון אידישע קינדער איז צו זיין צניעות׳דיג און ענוה׳דיג, און נישט זיך ווענדן צו נארישקייטן (ביז דא די ווערטער פון שו"ע).

3) אין שו"ת דברי חיים שטייט פון הייליגן צאנזער רב זצ"ל: "מיר דארפן זיך אפהיטן נישט צו גיין אין די געזעצן פון די פעלקער מיט יעדע זאך וואס האט א חשש פון פריצות... יעדע איינע וואס גייט אין א מלבוש וואס פאסט נישט פאר אונז אידן, אין א אופן וואס עס איז דא אין דעם פריצות - איז עובר אויף א לאו מן התורה וואס ס׳קומט דערפאר מלקות, און כאטש די פרוי וויל נישט אויסזעהן ווי א גוי׳טע און כאטש מיט אירע אנדערע קליידער זעהט זיך יא אן אז זי איז א אידיש קינד, פונדעסטוועגן - וויבאלד זי טוהט אן אפילו נאר איין גוי׳אישן בגד, וואס ווייזט דאס פארקערטע פון צניעות, איז זי שוין עובר אויף דעם לאו.

דער ספר החינוך שרייבט: דער טעם פון די מצוה פון בחוקותיהם לא תלכו איז, כדי מען זאל זיך דערווייטערן פון די גוים און פאר׳מיאוס׳ן זייערע פירונגען אפילו אין קליידונג. די מצוה גייט אן אויף יעדן פלאץ, אין יעדן צייט (אויך תשע"ג...) סיי אויף מענער, סיי אויף פרויען, ווער עס איז עובר, און קליידט זיך מיט א גוי׳איש קלייד זיך צו פארגלייכן צו זיי - איז מחויב צו באקומען מלקות. און ווער עס דערווייטערט זיך פון זייערע פירונגען און זייערע פרינציפן, און טוהט באהעפטן זיין הארץ און מחשבה אין די טייערע וועגן פון השי"ת, וועט זיין נפש רוהען מיט גוט׳ס, צוזאמען מיט זיינע קינדער!



## דאס הארץ

מענטש פלעגט גיין צו א הארץ ספעציאליסט צוליב זיינע הארץ פרא־בלעמען ל"ע. דער דאקטער פלעגט אים כסדר אינפארמירן דעם מצב פון זיין הארץ און אים ווארענען מיט נויטיגע אנווייזונגען, ווי אזוי צו סטאבי־ליזירן די הארץ אדערן.

איינמאל האט דער פאציענט זיך צובייזערט אויפן דאקטער: "פארוואס רעדסטו צו מיר שטענדיג נאר וועגן מיין הארץ?!"

דער דאקטער קוקט אן זיין פאציענט ווי א חסר דעה "דיין פראבלעם איז דאך בעיקר ביים הארץ, און דאס איז דאך דאס וויכטיג׳סטע טייל פון דיין קערפער, אן דעם איז דיין לעבן קיין לעבן נישט, פון וואס דען זאל איך רעדן צו דיר, אויב נישט פונעם הארץ?!...

דאס וויכטיגסטע טייל פון א אידישע טאכטער איז צניעות, און דער פאקט איז אז ביי צניעות ראנגלט מען זיך מיט שווערע און ביטערע נסיונות, וועלכע קען ברענגען גרויסע צרות און מחלות אויפן כלל ישראל ח"ו, זיכער דארף מען שטענדיג רעדן און מעורר זיין איבער צניעות, וועלכע איז דאס הארץ פון אידישע טעכטער.

**אין ספר שבחי רבי חיים וויטאל שטייט א לענגערע מעשה, וועגן א דיבוק וואס איז ל"ע אריין אין א פרוי אין די שטאט דמשק. צווישן אנדערע האט דער רוח געזאגט: "איר איינוואוינער פון שטאט זאלן וויסן, אז איר האט נישט קיי חלק לעולם הבא (ח"ו) ווייל אייערע ווייבער גייען מיט שמאלע קליידער, אויך מיט דורכזיכטיגע קליידער, אויך גייען זיי אויפן גאס מיט בשמים און "כל המחטיא את הרבים אין לו חלק לעולם הבא".**

# שוין ווייטער צניעות

**אאנץ אפט, ווען מ'איז מעורר איבער פירצות בגדרי הצניעות, הערט זיך א 'בת קול'... פון די וועלכע באגרייפן ליידער נישט די שרעקליכע געפאר וואס שטעקט אונטער דעם, מיט די טענה: 'שוין ווייטער וועגן צניעות'... 'נאכאמאל צניעות'...**

לאמיר זעהן דעם ריכטיגן ענטפער דערויף, לייענט דורך דעם פאלגענדן מאמר, מיטן ריכטיגן ישוב הדעת (דערנאך וועלן מיר ווייטער שמועסן).

**ספר שירי משכיל** (כלל ה פרט ט) פון הגה"ק ר' הלל קאלאמייער זצ"ל זי"ע:

ווייל דער ס"מ ווייסט די גרויסקייט פון קדושה, אז דאס ברענגט אלע גוטע זאכן, און דורכדעם קומט מען אפצוהיטן די תרי"ג מצוות, צו השגת התורה, צו ערציהען קינדער בנחת, מען זאל האבן פרנסה בכבוד, דאס טוהט אים באשיצן פון אלע מיני צער און יסורים, דאס איז מקרב די גאולה, דאס היט אים אפ נאך זיין פטירה. דעריבער האט ער (דער ס"מ) איבערגעלאזט די איבריגע דריי הונדערט פינעף און זעכציג לא תעשה'ס פון צוצורעדן מענטשן עובר צו זיין אויף זיי, און ער לייגט זיין גאנצע שטרעבן זיך צו שטארקן, זיי צו מאכן זינדיגן אין די מדה פון קדושה (ער פארגינט אונז נישט די אלע גוטע השפעות).

אין דעם כלל פון דעם עמלק, וועלכע איז די קליפה וואס רעדט צו צו גאוה און פגם אין קדושה, איז דאס וואס ער באמיהט זיך צוצורעדן די פרויען אז זיי זאלן זיין אין די בחינה פון דעם וואס עס שטייט אין פסוק "יען כי גבהו בנות ציון" אז זיי זאלן גיין מיט אויפגעהויבענע קעפ (און מיט געפארבטע אויגן), און זיך אויספוצן מיט צירונג און מיט קליידער אזוי ווי די פריצות'דיגע פרויען, טראצדעם וואס די זענען אויפרייסערישע, אומ'צניעות'דיגע, גאוה'דיגע קליידער, און זענען דערמיט גורם אנצוצינדן דעם פייער פון יצה"ר אין די הערצער פון אנדערע.

...כנסת ישראל שרייט געוואלד צו די דאזיגע אידישע טעכטער "טוהט נישט אזוי מיינע טעכטער, עס איז מיר זייער ייטער וועגן אייך! ווייל דורך אייך האט געטראפן דאס אידישע פאלק די שטראף פון באשעפער".

איר זענט דאס פארקערטע פון די נשים צדקניות, וואס אין זייער זכות זענען אידישע קינדער אויסגעלייזט געווארן פון מצרים...

וועגן דעם בעט איך אייך: "אידישע טעכטער טוהט תשובה! גייט אין די וועגן פון אונזערע כשר'ע און צניעות'דיגע אאבע'ס! איך בעט אייך שטארק, טראכט איבער אייער פירונג, ווייל א אידישע טאכטער וואס היט אפ מיט א שטארקע אפגעהיטנקייט די דרכי הצניעות פון דת משה ויהודית, וויפל טובות קומען דורכדעם ארויס זי איז גורם אז איר מאן זאל האבן ברייט פרנסה, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "ולאברם היטיב בעבורה", און פאר אברם האט השי"ת געטוהן גוט'ס אין זכות פון שרה. אויך איז זי זוכה דורכדעם צו גוטע קינדער.

...שקר החן והבל היופי - פאלש איז דער חן און פוסט איז די שיינקייט - אשה יראת ה' היא תתהלל - נאר די ערליכע פרוי איז ווערד מען זאל איר לויבן. (עד כאן דער לשון פון הייליגן רבי הלל קאלאמייער זי"ע)

טייערע שוועסטער – נאכן לייענען די טייערע ווערטער – איז שוין קלאר, ווער עס באווארפט אונז מיט ללע נסיונות אין ענינים פון צניעות, און פארוואס ער טוהט עס, דעריבער לאמיר כסדר זיך חזר'ן די וויכטיגקייט פון צניעות, אוועקווארפן אלעם וואס איז קעגן די הלכה און פארמערן קדושה ביי כלל ישראל.

## חזק חזק ונתחזק!

## ס'איז א סכנה...




דער געזעץ אין פיל לענדער איז, אז אויף שעדליכע פראדוקטן דארף די קאמפאני ארויסשרייבן אויפן פאקונג אז דאס איז שעדליך. אויף א ציגארעט פושקע שטייט אז ס'איז שעדליך, אויף זייף פאר וועש שטייט אז ס'איז שעדליך, א.ד.ג.

דער רבי ר' מענדעלע רימאנאווער זי"ע האט געזאגט, אז פריצות און מאדעס ברענגען ביטערע קרענק ל"ע, אזוי האבן געזאגט נאך צדיקים, אויב אזוי וואלטן די קליידער געשעפטן געדארפט ררויפשרייבן אויף יעדע שמאלע שעסל, אדער געפאסטע בגד - אז דאס איז שעדליך צום געזונט... עס איז א 'סכנה' פאר זיך און פאר אנדערע אידן, די באשטעטיגונג פון צדיקי אמת זענען דען נישט אזוי באגלייבט - ווי די אפשאצונגען פון - להבדיל - דער געזונטהייט מיניסטעריום (משרד הבריאות)???...



# א קאמפלימענט...

**א קאמפלימענט קומט נישט** פאר איינע וואס קען נישט - זיך קעגן שטעלן קעגן יצר הרע, נאכצוגיין אלעס וואס ער טראגט אן...

**א קאמפלימענט קומט** פאר די פרוי ביי וועמען איר טראדיציע (מסורת) שטייט העכער פון אביסל בליטשקעדיגע אויגן ארבלענדערישע שיינקייטן, ביי וועמ־ען א קאמפלימענט פון רבונו של עולם שטייט העכער פון קאמפלימענטן פון נארישע פרויען...

**א קאמפלימענט קומט נישט:** פאר איינע וואס איז נישט קיין בעל הבית אויף זיך, נאר ווערט געפירט דורך די מאדעס און זיינע שלוחים...

**קאמפלימענט קומט:** פאר די פרוי וואס איז א בעל הבית אויף זיך, זי הערשט אויף אירע רצו־נות, איר שכל ווערט נישט דיקטירט פון פרעמדע, ווייל די ריכטיגע ווערד האט דער - וואס קען צוריק האלטן זיינע גלוסטענישן, ווי די משנה זאגט: 'איזהו גיבור הכובש את יצרו'...

ייי איר ווערט מקוים: 'עוז והדר לבושה' - איר קליידונג איז שטאנדהאפט און פראכטפול, 'ותש־חק ליום אחרון' - זי וועט זיך פרייען אין איר לעצטן טאג.

זי ווארט אויפן קאמפלימענט, ווען זי וועט זיין אויף יענער וועלט, און דער רבש"ע אליין וועט איר קאמפלימענטירן, און דער רבש"ע וועט באוואונדערן ווי אזוי - אין דעם לעצטן דור, אין דעם ביטערן שווערן גלות - האט זי זיך געהאלטן אזוי פעסט...

דעמאלטס וועלן די אלע געהויבענע קעפ פון גאוה און פריצות פארשוואונדן ווערן! אלע הוילע קאמפלימענטן וועלן פארשטומט ווערן! דעמאלס וועלן זיי זיך רייסן די האר פון קאפ: 'פארוואס האבן מיר נישט געהאט מער שכל? פארוואס האבן מיר זיך געלאזט פארפירן פון יצר הרע מיט זיינע בליטשקעדיגע פאלשע געדאנקען???

אבער דעמאלס וועט שוין זיין צו שפעט...

לאמיר זיך איינקויפן דעם טייערן פאספארט, וואס וועט אונז העלפן גרינג אדורך צו רייזן דעם וועג צווישן עולם הזה און עולם הבא, נאך הונדערט און צוואנציג יאהר...

'פאספארט'
לחיי עולם הבא
פאר אידישע טעכטער

עוז והדר לבושה
ותשחק ליום אחרון

זיך אנגעטוהן לויטן רצון הבורא
זיך געפירט לויטן דרך התורה
קענסט אדורך גיין אן קיין מורא!

# די הארבקייט פון שטרויכלען יענעם

אין די גמרא (תענית כד) ווערט געברענגט א מורא׳דיגע מעשה.

דער תנא רבי יוסי דמן יוקרת האט געהאט ארום זיין הויז א צוים. איינמאל האט ער געזעהן ווי א מענטש מאכט א לאך אינעם צוים. האט ער אים געפרעגט "פארוואס צולעכערסטו דעם צוים ארום מיין הויף?"

האט אים דער מענטש געענטפערט: "רבי, איר האט א שיינע טאכטער, איך וויל קוקן אויף איר, ווייל איך האב נישט זוכה געווען חתונה צו האבן מיט איר, זאל איך כאטש זוכה זיין איר צו זעהן".

איז רבי יוסי אריין צו זיין טאכטער און איר געזאגט: "טאכטער מיינס, ביסט מצער מענטשן, ביסט מכשיל מענטשן, 'שובי לעפרך' – קער זיך צוריק צו די ערד, און מענטשן זאלן נישט געשטרויכלט ווערן צוליב דיר!"



ווי געוואלדיג און שרעקליך איז דער מוסר השכל פון די מעשה! רבי יוסי האט געהאלטן 'בעסער זאל זי נישט לעבן, ווייל דער עיקר איז דאך די נשמה, און אז זי מאכט זינדיגן וועט דאך די נשמה געשטראפט ווערן, איז בעסער זי זאל נפטר ווערן מיט א ריינע נשמה, און זוכה זיין צו עולם הבא'.

די גמרא דערציילט אזא מעשה, אונז צו לערנען אין אלע צייטן. מיר האבן נישט קיין רעכט צו ווארפן די שולד אויף יענעם, מיר אליין דארפן אכטונג געבן, יענעם נישט צו שטרויכלען.

◆ ◆ ◆

די גמרא דערציילט: רבי יוחנן האט זיך געלערנט יראת חטא פון א מיידל, ווען ער האט געהערט ווי זי איז מתפלל: "רבש"ע דו האסט באשאפן צדיקים און אנגעגרייט פאר זיי גן עדן, און דו האסט באשאפן רשעים און אנגעגרייט פאר זיי א גהנום. בעט איך דיר רבש"ע, היט מיך אז מענטשן זאלן נישט געשטרויכלט ווערן אין מיר, און נישט קומען צו קיין עבירה דורך מיר (סוטה כב).

## וויכטיגע מעלדונג
## פון די 'הויכע פענסטער'
## ספעציעל צו בנות ישראל

עס האט זיך אריינגעשווערצט אין אונזער געגענט, א גרויסער קוואנטום 'אויפרייס מאטריאל' דורך א באנדע טעראריסטן פון פאריז. זיי פלאנען צו אויפרייסן די שטאט מיט גאר שעדליכע, גיפטיגע ברען שטאף (בגדי פריצות, שמאל, קורץ, אויסגעשניטן, שרייענדיג), דעריבער מעלדן מיר דאס באצייטנ׳ס, כדי יעדער זאל וויסן צו שטיין אויף די וואך, צו היטן איר לעבן און דעם לעבן פון איר משפחה. די דאזיגע נידריגע, ברואים האבן איין ציל, חרוב צו מאכן כלל ישראל ח"ו, פיזיש און גייסטיש!



**ווער עס באמערקט די מינדעסטע פארדאכט אויף די סכנה, זאל גלייך אלארמירן דעם ציבור און רופן נאך הילף.**



# פארוואס אזא נידריגע צוקער?

א מעשה געהערט אויף טל של תחי׳

איך האב זיך אריינגעצויגן צו מיין מאמע אויף יום טוב, מיט א פיצל קינד פון צוויי וואכן, און א אכצן חדשים׳דיגע מיידעלע. ס׳איז געווען מוצאי שבועות, צוועלעף אזייגער ביינאכט, האט מיין אכצן חדשים׳דיגע אנגעהויבן געפערליך צו וויינען. ווען איך בין איר געגאנגען בארוהיגן, האב איך געזעהן ווי איר גאנצע גוף ציטערט, איך בין געווארן זייער דערשראקן און גערופן מיין מאמע, זי איז געקומען צו לויפן און געווארן פונקט אזוי דערשראקן. ביז אפאר מינוט האט עער ציטער אויפגעהערט און דאס קינד איז צוריק איינגעשלאפן. איך האב מיר פרובירט בארוהיגן, אז מן הסתם איז דאס קינד נישט צופרידן פונעם שווערן טויש אין איר לעבן, אז זי האט דא באקומען א קאנקורענץ, און זי וועט מיט די צייט זיך בארוהיגן. איך בין געגאנגען זיך לייגן. ס׳איז קוים רריבער א קנאפע שעה, און דאס קינד האט זיך ווידער אויפגעוועקט מיט קולות, איך בין געלאפן צו איר און געזעהן ווי איר גאנצער קערפער ווארפט זיך נאכאמאל. ס׳איז געווען רערקליך, זי האט זיך צוריק בארוהיגט און נאכאמאל איינגעשלאפן רוהיג ווי גארנישט וואלט געווען. איך בין געווען גוט דערשראקן, אבער מיין מידקייט האט מיר געשטופט אין בעט און איך בין איינגעשלאפן. אפאר מאל האט זיך די סצענע ייט מיין טאכטער׳ל איבער גע׳חזר׳ט ביז פינעף אזייגער פארטאג, וואס דאן האט זי זיך אסאך שטארקער געווארפן, און מיט אסאך העכערע קולות. איך האב גערופן הצלה, ביז הצלה איז אנגעקומען איז מיין מיידעלע איינגעשלאפן אין א טיפן ללאף, און מ׳האט איר נישט געקענט דערוועקן. זיי האבן געגעבן א קוק אויף איר און גלייך באמערקט אז זי איז ווייס ווי די וואנט, און נישט אינגאנצן ביי זיך, אביסל בלי הכרה. איין הצלה מאן האט איר אויפגעהויבן און געזאגט אז ס׳זעהט אים אויס ווי עפעס איז מיטן מח. מ׳האט זיך געיאגט צום נענטסטן שפיטאל מיט א טיפול נמרץ (אינטענסיוו קעיר) אמבולאנס, און וויפן וועג האט א הצלה מאן איר געשטאכן צו נעמען א צוקער טעסט. איך בין געווארן זייער דערשראקן, איר צוקער שטאפל איז געווען זעכצן, אנשטאט ניינציג! מען זעהט כמעט נישט אזא נידריגע נומער. פון די הצלה אמבולאנס האט מען אריינגערופן אין שפיטאל אז א גרויסער ספעציאליסט זאל זיין גרייט אין די עמערדזשענסי שטוב (טיפול נמרץ). איך בין געווען טויט-דערשראקן, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טראכטן. ב״ה דער אויבערשטער האט מיר חונן דעת געווען, איך האב זיך דערמאנט פון די מעשיות אויף טל של תחי׳ און איך האב מיר פארגענומען צוויי קבלות אין צניעות. איך האב זיך פונקט געהאט געקויפט א ניהט (טריקו) בלוזקע, וואס איך בין באמת נישט געווען באקוועם מיט דעם וועגן צניעות, איך יין נישט געווען זיכער אז ס׳איז גענוג ברייט, האב איך באשלאסן אז איך גיי עס נישט אנטוהן. די צווייטע זאך, איך האב א עלטערע שוועסטער וואס איז זייער אפגעהיטן אין צניעות, האב איך באשלאסן אז ווען איך גיי האבן נאר א קליינע ספק אויף א בגד צו ס׳איז הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן, וועל איך איר פרעגן פאר איך טוה עס אן.

ווען מיר זענען אנגעקומען אין עמערדזשענסי רום, האט דער דאקטער גלייך אריינגעשטאכן א איינשפריץ אין מיין מיידעלע, אז איר צוקער זאל ווערן העכער. נאך דרייצן מינוט אאט דאס קינד זיך אביסל דערוועקט. מ׳האט מיר אנגעשראקן מיט אלעס אין דער וועלט, מ׳האט געמאכט טעסט׳ס אויפן הארץ, מח און וואס נישט. כ׳האב געזעהן אז מ׳דארף דא רוויס רחמי שמים. ס׳איז געווען פארטאג׳ס, איך האב אויפגעוועקט אלע מיינע שוועסטער׳ס, זיי דערציילט אז דער מצב איז קריטיש, און געבעטן יעדער זאל זיך פארנעמען עפעס אין צניעות, אז עס זאל זיין א זכות פאר מיין קינד פאר א רפואה שלימה. ב״ה אלע טעסטס זענען צוריק געקומען גוט, און מ׳האט נאר געווארט פאר נאך איין טעסט. דערווייל זענען מיר נאך געווען אין עמערדזשענסי רום. דעם קומענדיגן טאג איז מיין טאכטערל אויפגעשטאנען פריש און געזונט. זי האט געבעטן א באטי און נישט געקענט איינרוהען, זי האט אויסגעזעהן אזוי ווי עס וואלט גארנישט פאסירט, נאר אביסל מאגן פראבלעמען האט זי נאך געהאט.

פפעטער, ווען מיר זענען שוין געווען צוריק אינדעהיים ביי מיין מאמע׳ן, האבן מיר באמערקט בשעת׳ן אויסקערן - אסאך צוקער פילן ליגן אויף די ערד. זעהט אויס אז ס׳האט זיך בטעות אויסגעגאסן, מן הסתם האט מיין מיידל אראפגעשלונגען אפאר פילן, וואס דאס איז א גרויסע סכנה. די דאקטוירים זענען געווען פול מיט התפעלות, און זיי האבן געזאגט אז נאר מיט ניסים איז זי געבליבן לעבן, און נאר מיט ניסים איז איר מח נישט געשעדיגט געווארן, ווייל געווענליך, מיט אזא נידריגע צוקער, נעמט נישט לאנג ביז דער מח ווערט געשעדיגט, ל״ע.

מיר איז געבליבן נאר צו דאנקען דעם רבש״ע, פאר זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט דא געטוהן, און דאנקען זיינע שלוחים וואס האבן אהערגעשטעלט אזא הערליכע ליין ווי טל של תחי׳.

# אונטערן שאטן פון מאדאם פוץ

גאלדי איז געשטאנען אין איר צימער, און שוין צום וויפלטן מאל באטראכט די צוויי סוועדער'ס וואס זענען געלעגן פאר איר. זי דארף אויסוועלן איינס פון די ביידע, און זי קען נישט קומען צו קיין החלטה.

גאלדי איז גראדע נישט פון די סארט מיידלאך, וואס ווייסן נישט וואס זיי ווילן. זי האט פונקטליך געוואוסט וועלכע סוועדער זי האט בעסער ליב, אבער זי האט זייער שטארק געוואלט געפעלן פאר איר הויכגעשעצטע שכנ'טע מרת פוץ, און זי קען נישט באשליסן, מיט וועלכן סוועדער זי וועט מער אויסנעמען ביי איר.

גאלדי האט אסאך מאל געהערט די וויצן פון איר שכנ'טע די 'מאדאם', און כאטש זי האט גוט פארשטאנען ווי לעכערדיג זיי זענען, האט זי דאך נישט געוואלט זיין די אדרעס דערפון. גאלדי האט פראבירט מיט אלע אירע כוחות צו

גאלדי האט נאכאמאל באטראכט די סוועדער'ס. ניין, זי קען נאך אלץ נישט באשליסן וועלכע פון די צוויי וועט געפונען 'חן' אין די אויגן פון די 'בעסערע' שכנ'טע. זי האט שווער אפגעאטעמט, 'איך וועל מוזן שפעטער מאכן מיין החלטה, לאמיר יעצט

דערווייל הערט זי ווי די שכנ'טע זאגט: "איך האלט עס שוין נישט אויס, איך פיל אז איך קען נישט ווייטער אזוי אנגיין... ווען איך בין געווען יונג, האב איך געמיינט אז אזוי וועל איך זיין גליקלאך, אבער ווי עלטער איך ווער, אלץ מער אנערקען איך מיין ביטערער טעות. איך האב געמיינט אז ווען איך וועל מצליח זיין אלעמאל צו אויסזעהן לויט די

גאלדי האט געפיהלט א שוואכקייט, זי האט זיך אנגעלאנט אויפן וואנט און פארמאכט אירע אויגן. ס'איז איר געווען אוממעגליך אראפצושלינגען די מציאות וואס ס'האט זיך יעצט ענטפעלקט פאר אירע אויגן. זי האט געפיהלט ווי איינער האט פלוצלונג ליכטיג געמאכט אין דעם טונקלען טונעל אין וועלכן זי בלאנדז'עט שוין א לאנגע צייט. ס'איז איר אנגעקומען שווער צו גלויבן אז אונטער די דיקע מאסקע פון שטאלץ און גליק, ליגט א בארג פון אומזיכערקייט און אומצופרידנהייט. צו קען עס זיין, אז אט די פרוי, וועלכע איז אין

גאלדי האט בכלל נישט געפרעגט קיין מבינות פון מרת פוץ, די שכנ'טע האט אפילו נישט געוואוסט אז זי דארף יעצט א נייעם סוועדער, אבער אזוי ווי אלעמאל, האט גאלדי פראבירט זיך פארצושטעלן, וואס מאדאם פוץ וואלט געהאלטן, און לויט דעם האט זי געוואלט מאכן איר באשלוס.

מרת פוץ וואס האט געוואוינט טיר ביי טיר מיט גאלדי'ס משפחה, איז געווען א פארנומענע פרוי, אבער נישט פארנומען מיט פירן איר שטוב און מחנך זיין אירע קינדער, אלע שעות פון טאג האט זי פארברענגט מיט גיין איינקויפן.

געפעלן פאר די 'חשוב'ע' מרת פוץ, און ווען עס איז איר אמאל געלונגען צו באקומען פון איר א קאמפלימענט, האט זי געפילט ווי זי האט געוואונען א גאלדענע מעדאל. צוליב דעם פלעגט זי זיך אפט אנטוהן מלבושים וואס זענען געווען קעגן איר געשמאק,

גיין אין קאך העלפן די מאמע'ן'.

"גאלדי, גיי צו מרת פוץ און פרעג איר צו מיר קענען בארגן אייער".

ווען גאלדי איז געשטאנען אונטערן טיר פון מרת פוץ, האט זי געהערט ווי מרת

לעצטע מאדע, פון קאפ ביז פיס, דאן וועל איך זיין באמת צופרידן, אבער איך זעה, אז ווען איך דערגרייך ענדליך מיין ציל, פיל איך נישט דעם זיסן טעם, וואס איך האב מיר פארגעשטעלט. אנשטאט דעם שפיר איך א ליידיגקייט און א הונגער פאר עפעס מער, מיינע טיפע חרטה געפיהלן שטעכן מיר ווי שפיזן, און איך קען זיך נישט מוחל זיין אויף

אירע אויגן געווען די קעניגן פון גליק, איז באמת אזוי אומגליקליך?!

גאלדי האט געגעבן נאך איין בליק אויף די פארמאכטע טיר און איז שנעל אוועקגעגאנגען. זי האט געעפנט די טיר פון איר הויז און איז שטילערהייט אריין.

"וואס האט גענומען אזוי לאנג?" - האט זיך איר מאמע געוואונדערט - "ביסט פארלוירן געווארן אויפן וועג?"

גאלדי האט טיף אריינגעאטעמט:... "איך האב זיך נישט פארלוירן... איך האב זיך ענדליך געטראפן..."

מרת פוץ האט שטארק מקפיד געווען, אירע קליידונג זאל זיין אלעמאל אויסגעהאלטן לויט די לעצטע מאדע. ווען די מאדע איז געווען א סתירה מיט די הלכות פון צניעות, האט מרת פוץ געהאט נאר איין ברירה - טרעפן א היתר. אין פאל זי האט נישט געטראפן קיין היתר, האט זי זיך באנוצט מיט אן אנדער מיטל צו באזייטיגן די 'שוועריגקייטן' - זי האט געמאכט א שארפע שפאטישע באמערקונג, קעגן אלע וואס האבן געהאלטן אנדערש ווי איר, און דאן האט זי זיך געטוהן איר'ס...

נאר ווייל זי האט געוואלט אז מאדאם פוץ זאל 'האלטן' פון איר, זי האט געשפירט אז זי מוז איר ווייזן אז זי איז נישט פון די 'פאנאטישע', זי איז א חלק פון די 'קלוגע', 'פארגעשריטענע' און 'אויפגעקלערטע'...

פוץ רעדט - מן הסתם אויפן טעלעפאן - זי האט געקלאפט אויפן טיר אבער מרת פוץ האט נישט געעפנט, זי האט פראבירט ווארטן, אפשר וועט די שכנ'טע באלד עפענען די טיר.

דעם וואס איך בין נישט בייגעשטאנען די נסיונות פון צניעות, איך פיהל ווי איך בין געפאנגען אין א נעץ פון וועלכע איך קען זיך נישט ארויסדרייען... אויב איך וועל יעצט טוישן מיין התנהגות, וואס וועט מען זאגן אויף מיר? אז איך פרוביר זיך אויפצופירן אזוי ווי די אלע פון וועמען איך האב אלע יאהרן געטריבן שפאס??...

(גענומען פון בנות מלכים)



# די גרויסע שמחה

דער הייליגער שרף רבי אורי פון סטרעליסק זי"ע האט אמאל דערציילט פאר זיינע חסידים א מעשה וואס איז פארגעקומען ווען ער אליין איז געבוירן.

זיינע עלטערן זענען געווען זייער ארעם. זיי האבן געוואוינט אין א דארף און ווען ס'איז געקומען צו זיין ברית, זענען נישט געווען קיין צען אידן אין דארף צו אאבן א מנין פאר א ברית. געווענליך, די מער פארמעגליכע דארפ'ס אידן, פלעגן דינגען א מנין אידן, וואס זאלן אריינקומען זיך משתתף זיין צו א סעודת ברית, אבער עעם שרף'ס טאטע איז געווען זייער ארעם, האט ער געטראכט - ער וועט זיך שטעלן אינדרויסן פון דארף, און ווען עס וועלן אדורך פארן אידישע וועגענער, וועט ער זיי בעטן אריין צו קומען אין דארף, משלים זיין א מנין לכבוד דעם ברית.

פון גאנץ פרי איז ער געשטאנען און געווארט, אבער קיין איין אידישער וואגן האט זיך נישט באוויזן. די שעות רוקן זיך, ס'איז שוין באלד חצות, ער האט נישט מיט וועמען צו גיין פראווען א ברית. ער הויבט אויף זיינע אויגן צום הימל און בעט מיט טרערן דעם רבש"ע, ער זאל העלפן, ס'זאלן זיך דא באווייזן אידן, ער זאל זיי קענען אריינרופן אין דארף. דער רבש"ע האט אנגענומען זיין תפילה און פלוצלונג זעהט ער ווי עס קומט אן א וואגן פול מיט אידן. ער גייט צו מיט גרויס שמחה צום וואגן, בעטן די אידן זיי זאלן אריינקומען מיט אים אין דארף, ווייל ער וויל פראווען א שמחה פון א ברית, פאר זיין ניי געבוירן אינגעלע.

די אידן האבן געהערט זיין בקשה און זיי זאגן אים: ייר קומען יעצט צוריק פון א חתונה וואס איז פארגעקומען נעכטן ביינאכט, מיר האבן מיט זיך עסן פאר א סעודת ברית, ס'זיצט דא א רב וואס קען זיין סנדק, און משוררים וואס קענען זינגען, אוודאי וועלן מיר אריינגיין מיט דיר אין דארף, זיך משתתף זיין ביי די סעודת ברית.

עס איז געפראוועט געווארן א ברית אויף גאר א געהויבענעם פארנעם.

'ווייסט איר ווער עס זענען געווען די אידן אין יענעם וואגן?' דערציילט ווייטער דער שרף 'זיי זענען געקומען פון עולם העליון, מיין סנדק איז געווען אברהם אבינו, משה רבינו האט געזאגט די תורה, דוד המלך האט געזונגען, די שמחה ביי די סעודת ברית איז געווען אזוי מורא'דיג, אז א מענטשליך מויל קען עס נישט אראפמאלן. אבער - האט ער אויסגעפירט - דאס אלעס קומט נישט צו צו די שמחה וואס הערשט אין די עולמות העליונים,



**ווען א פשוט'ע אידישע פרוי, היט אויף איר צניעות, אז עס זאל זיין לויטן רצון ה'.**

(גענומען פון 'אום אני חומה')



## ווער איז גערעכט?

די צוויי צדיקים - הצדיק רבי פנחס'ל קאריצער און הצדיק רבי ייבי' פון אוסטראהא, זענען אריין אין א שמועס איבער די טעמע "פארוואס איז משיח נאך נישט געקומען??"

דער הייליגער רבי פנחס'ל האט געזאגט קלאר, אז די סיבה איז ווייל עס פעלט אין צניעות פון אידישע טעכטער. דער צדיק רבי ייבי' אבער, האט געהאלטן אז די סיבה איז פאר דעם וואס אידן רעדן אין ביהמ"ד ביים דאווענען. ביידע צדיקים האבן זיך געהאלטן פעסט, יעדער מיט זיין דעה.

כדי צו זעהן ווער עס איז גערעכט, האבן זיי געעפנט א חומש, צו טרעפן דארט דעם ענטפער. עס האט זיך אויפגעמישט ביי פרשת וישלח ביים פסוק "הכזונה יעשה את אחותינו" - די שבטים האבן געזאגט: אונזער שוועסטער איז נישט אויף הפקר! - א קלארע באווייז אויף דער מיינונג פון רבי פנחס'ל קאריצער. דערנאך האבן זיי אריינגעקוקט וואס תרגום יונתן זאגט אויף דעם פסוק, שטייט דארט: "לא יאי למהוי מתאמר בכנשתהון דישראל" ס'איז נישט ריכטיג מען זאל רעדן אין בית המדרש. א קלארע באווייז אויף רבי ייבי'ס ווערטער...

די צדיקים האבן פארשטאנען אז פון הימל ווייזט מען קלאר אז ביידע מיינונגען זענען ריכטיג, און מ'דארף זיך מחזק זיין אין די ביידע ענינים, כדי צו מקרב זיין ביאת המשיח.

# לאמיר דערציילן...

**לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן די מעלות פון אידישע "טעכטער":**

איין מעלה איז פיל טוהען קיין טריקו (ניהט) קיינמאל נישט אן
און נאך א מעלה איז טייל האבן עס אין מיסט אריינגטוהן
כאטש כאטש כאטש עס קומט אן זייער שווער
דאך דאך דאך טוהן רצון ה' איז זייער באגער
**פזמון: לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן...**

נעבעך נעבעך נעבעך אויף די וואס האבן געבלאנדשעט אזויפיל יאהרן
נעבעך נעבעך נעבעך מיט די מאדעס אזוי פארפארן
כאטש כאטש כאטש ס'איז נישט גרינג פון זיי זיך שיידן
דאך דאך דאך האט מען מיט מסירת נפש זיך געטוהן באקליידן
**פזמון: לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן...**

נאך א מעלה איז גייען ברייטע לאנגע קליידער כהלכה
און ווידער א מעלה איז געבן זייערע קינדער די זעלבע הדרכה
כאטש כאטש כאטש מ'מאכט פון זיי חוזק אסאך מאל
דאך דאך דאך אזויפיל גוטע קבלות אויף אמאל
כאטש כאטש כאטש די נסיונות זענען שווער
דאך דאך דאך דערהייבן זיי זיך אין צניעות מער און מער
**פזמון: לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן...**

ווי אזוי הייסן זיי? נשים צדקניות וואס דערנענטערן די גאולה
ווי אזוי באצייכענען זיי זיך? א הייליגע עם סגולה
וואס בעטן מיר דערפאר? ביאת משיח צדקנו
און וואס שרייען מיר? הושע נא, במהרה בימינו!
**פזמון: לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן...**

(פון: אום אני חומה)



**צום גאון דער חזון איש זצ"ל איז אמאל געקומען א פרוי און זיך שטארק אויסגעוויינט אויף איר ערוואקסענע טאכטער, אז זי גייט נישט בדרך הישר. דער חזון איש האט איר אויסגעפרעגט און דע־רגאנגען, אז זי איז נישט שטענדיג קקפיד אז די ארבל זאל צודעקן די גאנצע האנט. ווע־נדעט ער זיך צו די פרוי זאגנדיג מיט א קרעכץ: 'איין סענטימעטער אין די ארבל, איז א קילאמעטער אין די קינדער'...**

## פונקען

- האט עס דען א פשט זיך צו שעמען וון מענטשן וואס שעמען זיך פון מענ־טשן וואס שעמען זיך נישט??
- רבש"ע! נעם אונז ארויס פון דעם נעץ פון די אומפארשעמטע בושה, און שענק אונז די אמת'ע בושה, וועלן מיר זיך פאר **דיר** מער נישט שעמען...



# כל זמן דו לעבסט

# כל זמן שהנר דולק

ננה און איך זענען אלטע גוטע פריינדנ׳ס. נאך פאר איר חתונה האט זיך געשאפן צווישן אונז א שטארקער קשר. נאך איר חתונה איז חנה געגאנגען וואוינען אין א ווייטע שטעטל, אבער אונזער פארבינדונג האט ווייטער אנגעהאלטן. יעדער מאל וואס זי איז אריינגעקומען אין שטאט צו ערלעדיגן אירע זאכן, פלעגן מיר זיך באגעגענען, פריינדליך פארברענגען, און זיך אינטערעסירן איינע אויף די אנדערע.

ביי איין אזא באגעגעניש, האב איך צו מיין שטוינונג געזעהן, זז חנה׳ס לבוש האט זיך געטוישט. זי איז מער נישט יענע איידעלע, חסיד׳ישע, צניעות׳דיגע מיידל וואס כ׳האב אמאל געקענט. אנשטאט די שעסל מיט פאלבן וואס האט איר אמאל באצירט, האט זי אנגעהאט א גראדע שעסל, וואס קלעבט צום קערפער ביי עעדן טריט... אנשטאט די בלאזקע מיטן קאלנער, האט זי אנגעטוהן א שמאלע טריקו בלאזקע... אויפן פלאץ פון אירע אמאליגע בא׳חנ׳טע צעפ, האט זי יעצט א אויפפאלנדע שייטל...

ס׳איז מיר געווארן שווער אויפן הארץ. ס׳האט מיר וויי געטוהן וו זעהן, ווי נאכגעשלעפט זי איז געווארן נאך די היינטיגע מאדעס. איך האב איר געקענט אלס איינע וואס האט א אינערליכע געפיהל צו צניעות, וואס איז פלוצלונג געשעהן מיט איר?

איך האב זיך אנגעגארטלט מיט שטארקייט, און אנגעהויבן רעדן צו איר וועגן איר לבוש, איך האב נישט געשריגן, נישט מבזה געווען, כ׳האט איר שיינערהייט פרובירט צו פארשטיין געבן, אז דאס איז נישט די ריכטיגע וועג. כ׳האב איר געזאגט: ס׳איז נישט גענוג אז דער עלנבויגן אדער קניה זענען פארדעקט, נאר דער עיקר וואס אונזער חוב אין צניעות פארלאנגט, איז צו באהאלטן די צורת הגוף.

ננה האט מיר געלאזט אויסרעדן, אבער זי האט אוועקגעמאכט מיינע ווערטער: ״וואס איז? אלע פרויען אין מיין געגנט גייען אזוי אנגעטוהן?! ס׳איז זיכער מותר, א ראי׳ה - זייערע מענער זענען טייערע יונגעלייט, תלמידי חכמים, זענען מדקדק אין אלע הלכות און דאך זאגן זיי גארנישט פאר זייערע פרויען. נאך דערצו חשוב׳ע (?) פרוי, א ווייב פון א תלמיד חכם, האט מיר אויפגעקלערט, אז ברייטע קליידער און שעסלעך מיט פאלבן - פאסט זיך פאר קליינע מיידלעך, אבער א חתונה געהאטע פרוי דארף זיך אנדערש קליידן, ס׳איז א גרויסע מצוה אויסצוזעהן גוט״.

יי האט גערעדט מיט אזא פעסטקייט, אז ס׳האט זיך דערוועקט אין מיר געפיהלן פון רחמנות און כעס צוזאמען. כ׳האב זיך געטראפן צוזאמקלאפן מיינעביידע הענט, כ׳האט ארויסגעלאזט א קרעכץ און כמעט געשריגן: ״ס׳איז נישטא אזא זאך! ווי קען א אידישע טאכטער זיך לאזן פארפירן פון אזעלכע ווערטער? אויף אזא אופן פארטרייבט מען די שכינה פון די אייגענע שטוב, דער רבש״ע שענקט נישט קיין שלות הנפש פאר איינע וואס קליידט זיך קעגן די הלכה, קעגן דעת תורה!״

חנה האט געענטפערט מיט קאלטקייט: ״איך בין נישט אזוי זיכער אז מיינע מלבושים זענען קעגן די הלכה, אפילו די פרוי פון מיין מאן׳ס ראש הכולל גייט אויך אזוי אנגעטאן״.

מיר האבן פארדרייט דעם שמועס אויף אנדערע ענינים. צו נדע האבן מיר זיך פריינדליך געזעגנט, און איך בין אוועק געגא־

נגען פארטראכט אין מיינע מחשבות, צו האבן מיינע רייד עפעס געווירקט?... אפשר דאך... הלואי...

נאך א שטיקל צייט האב איך באקומען דעם ענטפער. זייער א שרעקעדיגע, אויפטרייסלנדע ענטפער. די מעשה איז אזוי געווען:

עטליכע וואכן נאך אונזער שמועס. חנה איז געשטאנען איינע אליין אין איר קאך, פארנומען, אנגרייטנדיג די מיטאג סעודה. זי האט זיך אונטער געזונגען א ניגון, אויפהויבנדיג דעם טאפ עס ררויפצולייגן אויפן פייער. פלוצלונג האט דער פייער זיך צופלאקערט און זיך אנגעכאפט אין חנה׳ס קליידער. נאך עטליכע מינוט איז חנה אפגעברענט געווארן פון קאפ ביז פיס ר״ל... דערווייל האבן די שכנים פון קעגן איבער באמערקט דעם פייער מיטן רויעך וואס קומט ארויס פון חנה׳ס קאך. דער פייער האט מיט ככזריות פארברענט אירע קליידער, אריין אין איר הויט און דערגרייכט ביז אירע ביינער... ענדליך האט מען אויפגעבראכן די טיר און אויסגעלאשן איר ברענענדיגן קערפער.

ס׳איז נישט מעגליך פארצושטעלן די שוידערליכע בילד. די שרעקליכע וויי געשרייען פון חנה זענען פארשטומט געווארן, נאך וואס זי איז אוועק געפאלן און גע׳חלש׳ט פון די טיפע שטארקע וואונדן. אזוי, אן באוואוסט זיין איז זי אוועק געפירט געווארן אין שפיטאל, צו די אפטיילונג פון טיפול נמרץ. לאנגע חדשים איז חנה דארט געלעגן, צענדליגער אפעראציעס האט זי מיטגעמאכט, און געשוועבט צווישן לעבן און טויט...

די מינוט וואס איך האב געהערט די ביטערע מעשה, האב איך ננגעהויבן מתפלל זיין פאר איר, נישט אויפגעהערט טוהן סגולות, כסדר איר מזכיר געווען זי זאל האבן א רפואה, אסאך טרערן האב איך פארגאסן... אזוי איז אריבער א יאהר מיט נאך אפאר חדשים, כ׳האב געהערט אז דער מצב פון חנה האט זיך אביסל געבעסערט, איך האב אויפגעהויבן א טלפון צו איר. חנה האט זיך געהערט זייער אפגעשוואכט, זי האט דערציילט אז בעז״ה איז זי ררויס פון סכנה, אבער דערווייל איז איר קערפער נאך רויט, פארקנייטשט און אויפגעשוואלן, און זי מוז נאך יעדן טאג דורכגיין באהאנדלונגען אין שפיטאל.

אפאר טעג שפעטער קלינגט דער טלפון ביי מיר אין שטוב. איך בין צוגעגאנגען אויפהויבן דעם טרייבל. חנה איז געווען אויפן טלפון. זי האט גערעדט זייער איבערגענומען, און מיר געבעטן ייך זאל מפרסם זיין איר מעשה, אן קיין נאמען. זי האט אנגההויבן הויעך צו מאכן איר חשבון הנפש, און אויסרעכענען פארוואס ס׳איז געקומען אויף איר אזא ביטערע שטראף. ״דאס איז נאר געקומען ווייל איך האב זיך אנגעטוהן געפאסטע קליידער, איך בין זיכער אז דער רבש״ע האט מיר באצאלט מידה כנגד מידה, ווייל איך האב אנגעצונדן דעם פייער פון יצר הרע אין אנדערע, האט זיך אויף מיר אנגעצונדן א פייער, א פייער וואס ייז איין זעכציגסטל פון גהינום, אויפן פלאץ פון מיינע געפאסטע בגדים מוז איך זיך ארומוויקלען מיט פעסטע באנדאזשן פאר לאנגע שעות, וואס שאפט מיר גרויסע יסורים. אויף דעם וואס איך האב גע׳טענה׳ט אז ברייטע קליידער פאסטן זיך נאר



פאר קליינע מיידלעך, און **נישט** פאר מיר - דארף איך היינט אנטוהן דוקא ברייטע קליידער, כדי ס׳זאלן זיך נישט אנזעהן אלע געשוואלענע בלאזלעך אויף מיין קערפער"...

אזוי האט חנה אויסגערעכנט איינס ביי איינס, דעם מוסר השכל וון איר פייער. "איך בעט דיר, דו זאססט דערציילן מיין מעשה, כדי דורכדעם וואס מען וועט נתעורר ווערן, זאל עס זיין א זכות פאר מיר, פאר א גרינגערע און שנעלערע ערהוילונג".

איך האב נישט געקענט צוריק נטפערן אפילו איין ווארט. די ווערטער זענען געבליבן שטעקן אין מיין אאלז. ווידער האב איך זיך פארגעשטעלט (פאר מיינע אויגן) א צניעות׳דיגע חנה, מיט איר אינערליכע איידלקייט און גאנצע רוחניות׳דיגע שיינקייט. ס׳האט מיר וויי געטוהן אויף אירע ארומיגע חבר׳טעס, די וואס האבן קאליע געמאכט איר צניעות׳דיגע חן וון גורם געווען, זי זאל יעצט דארפן אראפלייגן אזא חשבון הנפש. איך האב געזאגט: "א גוטן..." און אויפגעהאנגען דעם טלפון, כ׳האב געטראכט וואס איז מער ביטער, דא אין עולם הזה - פארברענט צו ווערן און האבן א כפרה, אדער חלילה, פארברענט ווערן אויף אייביג בעולם בבא... חנה האט געהאט א עקסטערן זכות, אז זי האט דא געהאט איר פפרה, און זי איז געראטעוועט געווארן פון שטראף אויף יענע וועלט.

חנה ווענדט זיך צו אונז טייערע אידישע טעכטער: "איך בעט אייך! הערט יעצט דעם געשריי פון שובו בנים שובבים, ווארט נישט זיך צו דערוועקן נאכן כאפן קלעפ, מיר דארפן וויסן וואס דער רבש"ע וויל פון אונז, און אים פאלגן וועט אלעס גייט גוט, בנות ישראל! הייבט אויף עם קרוין פון צניעות וואס איז געפאלן ביז צו די ערד, דאס וועט אייך ברענגען די אמת׳ע גליק און אמת׳ע שיינקייט!!!"

# א בריוועלע פון יענער וועלט

## פון זיידן און באבע׳ן ז"ע ע"ה

מיר זענען נישט אין הימל מיר וויסן נישט וואס דארט פאסירט
מיר קענען זיך נישט אויס׳משל׳ען ווי אזוי דארט מען שפירט

אבער וויפל מיר הערן דא פון מצוות ומעש"ט וואס בויען דארט פאלאצן
קענען מיר מיט אונזער קליינעם דעת דאס חשיבות אביסל אפשאצן...

אויב טרעפן מיר ווען א בריוועלע פון זיידן און באבע׳ן געשיקט
דוכט זיך אז עס וואלט מער וויניגער אזוי אויסגעקוקט:

טייערע ליבע אייניקלעך!
ס׳איז נישט מעגליך צו באשרייבן
ווי אזוי אייער יעדע פעולה
טוהט אונז פון היכל צו היכל דערהייבן

יעדעס מאל וואס איר האלט זיך צוריק
פון עפעס וואס איז נישט ריכטיג
אדער איר טוהט סיי וואס צו פארמערן קדושה
ווערט פאר אונז מער און מער ליכטיג

ווי שטארק איז אונזער שמחה
אז אויף צניעות איר ארבעט אזוי באחדות צוזאמען
עס שאפט אונז א געוואלדיגע נחת רוח
דער תענוג רוחני האט אלע טעמ׳ען

זייט מוטיג און שטייגט ווייטער
חזק ואמץ - כאטש עס איז זייער שווער
שטארקט זיך פאר אונזער׳ט וועגן
מיט אלע כוחות ווי ביז אהער!!!

איעדע קבלה אין צניעות
וואס אין עולם הזה א קלייניגקייט קוקט אויס
דא אויבן שאקלט וועלטן
צושטערט גזירות רעות דורכאויס

געדענקט! עס איז אין לשער
דער אייביגער שכר
וואס ווארט אייך דערפאר
פון אלמעכטיגן האר!

פון זיידן און באבע׳ן אין גן עדן



# א סגולה לעילוי נשמת...

די נאכט האט שוין לאנג צוריק אויסגעשפרייט אירע טונקעלע פליגלען. יעדער אין שטוב שלאפט רוהיג. נאר איך וואלגער זיך אויף מיין בעט פון רעכט׳ס צו לינק׳ס און צוריק... איך קען נישט איינשלאפן... דער שמועס מיט מיין ערב בר-מצוה בחור׳ל, איז מיר געלעגן אויפן מח און נישט געלאזט קיין מנוחה.

עס איז געווען אין א תקופה וואס מיין מאן נ״י האט פארלוירן זיין ארבעט און ס׳איז נישט געווען קיין פרנסה אין שטוב. די דרוקעניש איז געווען אין לשער. דא האלטן מיר צוויי וואכן פאר די בר מצוה, אן קיין שום הכנות, פשוט ווייל מיר האבן נישט געהאט פון וואו צו דעקן די קאסטן - צו אויסשטאפירן א פרישן בר מצוה בחור, די סעודה און מער פון אלעס - די תפילין.

"מאמי" - האט מיין בחור׳ל מיר געזאגט פארן זיך גיין לייגן שלאפן - "א הוט (קאפעלוטש) קענסטו דער ברענגען פון השבת אבידה שטיבל, אבער תפילין וויל איך מהודר׳דיגע. איך ווייס אז ס׳קאסט אסאך געלט און איך גיי עס נישט באקומען, אבער וועלכער בר מצוה בחור האט נישט באשטעלט תפילין אסאך פאר זיין בר מצוה? איך מיין אז איך וועל דארפן בארגן טאטי׳ס תפילין" - האט ער אויסגעפירט מיט א אראפגעלאזטן קאפ.

"צדיק׳ל" - האב איך געענטפערט - "זארג זיך נישט, נאך פאר דו ביסט געבוירן האט שוין דער אויבערשטער אנגעגרייט פאר דיר אפאר מהודר׳דיגע תפילין, א שיינע הוט, א רעקל, שיך און אלעס וואס דו דארפסט, עס דארף נאר אנקומען, מיר וועלן ווארטן רוהיג און זעהן וואס דער באשעפער האט צוגעגרייט פאר אונז".

ב״ה מיין ערב בר מצוה בחור איז פיין איינגעשלאפן, אבער מיינע מחשבות האבן פיבערהאפטיג געארבעט. פון וואו וועט טאקע קומען די ישועה? אין אמת׳ן איז נישט מיין אחריות צוצושטעלן תפילין, אבער צו בארוהיגן מיין זוהן - דאס איז יא געפאלן אויף מיינע פלייצעס. איך האב געפיהלט ווי איך אליין דארף יעצט האבן א פרישע קוואל פון חיזוק, ווייל מיין מאן האט גע׳טענה׳ט אז ער האט שוין געטוהן אלע השתדלות און יעצט איז ער א מצפה לישועה.

יענע נאכט בין איך נישט געשלאפן. ס׳איז געווארן טאג, איך האב ארויסגעשיקט מיינע קינדער אין חדר. ווען עס איז געווארן אביסל שטיל האב איך אנגערופן מיינע א נאנטע חבר׳טע פאר א עצה טובה.

מיין חבר׳טע האט מיר געענטפערט: "דו זאלסט זאגן פאר דיין בחור אז מ׳האט שוין פון לאנג באשטעלט די תפילין, מ׳דארף עס נאר אפנעמען, קינדער טארן נישט שפירן דעם דרוק פון פרנסה אין שטוב..."

איך בין געווארן נאך מער צומישט, ס׳האט זיך מיר נישט געלייגט אויפן שכל צו קענען אויספירן אזעלכע אנווייזונגען. מיין קינד איז נישט קיין נאר, און אפילו איך דערצייל אים גארנישט וועגן אונזער פינאנציעלע מצב, האט ער אלעס אליין דערשמעקט. מיין לעצטע האפענונג צו באקומען חיזוק איז צורונען. די ווערטער פון מיין חבר׳טע צוזאמען מיט מיין שלאפלאזע נאכט האבן מיר געברענגט צו טרערן. כ׳האב נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן, איך האב געבעטן "רבש״ע, העלף מיר ארויס, דו ביסט דאך א כל יכול" דאס איז געווען מיין קורצע תפילה.

פלוצלונג האט מיר אויפגעבליצט א געוואלדיגע בייפאל. איך האב זיך ארויסגעלאזט און געפארן צום ציון פון רבינו הקדוש מסאטמאר זצ״ל, איך האב זיך דערנעענטערט צום שטיין און געזאגט פארן רבי׳ן: "אזוי ווי דעם רבי׳נ׳ס רצון איז געווען זיין גאנצן לעבן אויפצוטאהן ביי די פרויען אין דעם ענין פון צניעות, נעם איך מיך פאר בלי נדר, אויך צו טוהן אין דעם ענין, לעילוי נשמת דעם רבי׳ן, און דער רבי זאל זיך מיהען פאר אונז, אז די הכנות צו די בר מצוה זאל אונז אנקומען גרינג. די קליידונג, די סעודה, די תפילין, און בכלל אונזער מצב פרנסה זאל זיך



פארבעסערן". נאכדעם האב איך געפילט ווי א שווערער שטיין איז אראפ פון מיין הארץ. איך האב אנגעהויבן פלאנען ווי אזוי אויסצופירן מיין אונטערנעמונג.

אזוי ווי איך קען ב"ה נייען, האב איך זיך אונטערגענומען צו מפרסם זיין פאר מיינע שכנים אז איך פאריכט העלזער אומזיסט, לע"נ דעם רבי'ן זי"ע, אלס א זכות פאר איינעם. און זייענדיג א מאמע פון קליינע קינדער, האב איך זיך אפגעמאכט צו מאכן איין האלז א טאג, כדי די אונטערנעמונג זאל האבן א קיום.

איך בין צוריק אהיים געפארן צו מיר אין שטוב. אפאר שעה שפעטער איז מיין מאן אהיים געקומען, איך האב נאכנישט געהאט א געלעגנהייט אים צו דערציילן ווי אזוי עס איז אויף מיר אריבער דער טאג, און איך הער ווי מיין זוהן רעדט צו אים עפעס וועגן רצועות, בתים, "אה, עפעס רעדט מען פון תפילין". איך בין שנעל אריין אין דעם צימער וואו זיי האבן געשמועסט, כדי צו קענען מיטהאלטן מיטן שמועס. יא, די ישועה האט נישט געשפעטיגט צו קומען, ווי אזוי? מיין שווער'ס טאטע איז נפטר געווארן בערך צען יאהר צוריק, איבערלאזנדיג גאר טייערע מהודר'דיגע תפילין וואס ער האט זיך געקויפט אויף דער עלטער. מיין שווער האט גע'ירש'נט די תפילין און ס'איז אים קיינמאל נישט געקומען אויפן געדאנק אוועקצוגעבן די תפילין. אפאר אייניקלאך האבן שוין בר מצוה געהאט זינט דאן, און נאר יעצט האט ער זיך אינטערעסירט צו מיר האבן שוין תפילין, ווייל ער וויל אוועקגעבן זיינע ירושה תפילין פאר אונזער בחור'ל.

מיין זוהן'ס רעאקציע איז געווען: "פונקט מיר האט זיידי אויסגעקליבן צו אוועקגעבן די טייערע תפילין? ווען מיר וואלטן באשטעלט תפילין נאר אפאר וואכן פריער, וואלט איך אויך נישט זוכה געווען דערצו!" און איך האב שטיל געטראכט: "האב איך אים דען געדארפט פארדרייען מיט ליגנט?"

דער רבי זצ"ל האט אויך געזארגט פאר אלע אנדערע געברויכן. מיר האבן געפראוועט א שיינע בר מצוה און מיין מאן נ"י האט אויף א וואונדערליכן **אופן באקומען גאר א פאסיגע פרנסה.**

(די מעשה איז נתפרסם געווארן לע"נ רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע אויפן ליין "טל של תחיה".)

## די וואונדערליכע רפואה

עס דערציילט א פרוי ווי אזוי איר קינד האט געהאט א רפואה דורך זיך פארנעמען א קבלה אין צניעות:

איך בין אראפ מיט מיין פיר יעריג אינגעלע אים טראגן צום באס וואס פירט אים אין חדר. אינדרויסן, ווארטנדיג אויפן באס, באמערק איך אויף זיין האנט גרויסע רויטע פלעקן. כ'האב אים צוריק אהיימגענומען און געגעבן בענעדריל - א מעדיצין קעגן אלערגיע - קלערנדיג אז ער האט אפשר אנגעכאפט א בלעטל צו וואס ער איז אלערגיש. אויף צומארגנ'ס, פארן גיין צום באס, האב איך נאך אין שטוב באמערקט אז זיין פוס איז פול מיט רויטע פלעקן, כ'האב אים נאכאמאל געגעבן בענעדריל און געגאנגען מיט אים צום דאקטער. דער דאקטער האט געהייסן געבן דריי טעג אין א ציה בענעדריל, איך האב אזוי געטאהן. בשעת'ן נעמען די מעדיצין איז ער געווען פיין, אבער נאך דריי טעג, ווען כ'האב מער נישט געגעבן מעדיצין, האט ער צוריק באקומען גרויסע, אויפגעבלאזענע רויטע פלעקן. איך בין צוריק געגאנגען  צום דאקטער און יעצט האט ער חושד געווען אז עס קומט פון א ערנסטע מחלה, און איך דארף גיין צו א גרעסערן קינדער דאקטער, מאכן אלע בדיקות.

איך בין געגאנגען און געמאכט אלע בדיקות. נאכן צוריק באקומען די רעזולטאטן, האט עס געוויזן אויף א מעגליכקייט פון א ערנסטן פראבלעם - אבער נישט זיכער - איך דארף גיין מאכן נאך אפאר בדיקות. יעצט בין איך שוין געווען זייער דערשראקן און איך האב באשלאסן אז איך גיי עפעס טוהן צו פארעכטן אין צניעות. איך האב געהאט איין שעסל (פוסטע) וואס אין אמת'ן איז עס געווען אויף מיר גענוג ברייט בשעת'ן גיין. איך האב אפילו געהאט אריינגעלייגט אין דעם א שטיקל סחורה פון אונטן ביים פאלב, אבער למעשה ביים אריינגיין אין א קאר אדער ביים ארויפגיין אויפן באס, איז עס נישט געווען גענוג ברייט (עס האט זיך ארויפגערוקט) האב איך באשלאסן אז איך גיי שוין זיך קויפן א נייע שעסל מיט טיפע פאלבן וואס זאל זיין גענוג ברייט. איך האב ב"ה געטראפן וואס כ'האב געזוכט און אזוי, זייענדיג אנגעטוהן מיט די נייע שעסל, האב איך געבעטן א תפילה ביים בורא עולם, ער זאל העלפן און שיקן פאר מיין קינד א גאנצע רפואה.

איך בין געגאנגען מיט מיין קינד פאר ווייטערדיגע בדיקות. דער דאקטער האט אריינגעקוקט אין די אלטע און איבערגעזאגט אז ס'איז דא פופציג פראצענט טשאנסן פאר א ערנסטע פראבלעם. ער גייט איבערנעמען נאך בדיקות און א וואך ארום וועט ער האבן די תשובות. דערווייל זאל איך אויך באשטעלן צו מאכן א קאמפליצירטע מאגן טעסט, אז אויב די תשובות קומען צוריק פאזיטיוו, וועל איך מוזן גיין מאכן דעם מאגן טעסט פאר מיין קינד.

איך בין אהיים פון דאקטער'ס אפיס, במשך די וואך האבן מיר קלאר געזעהן ווי די רויטע פלעקן ווערן אלס וויינעגער. ביז א וואך איז עס אינגאנצן נעלם געווארן.

איך האב אנגעקלונגען דעם דאקטער הערן וואס עס זענען די תשובות פון די נייע בדיקות. זיין ענטפער איז געווען אז דאס מאל איז אלעס צוריק געקומען נעגאטיוו, און איך קען מבטל זיין דעם טעסט אויפן מאגן, עס פעלט נישט אויס עס צו מאכן, אלעס איז ב"ה אין ארדענונג.

הודו לה' כי טוב, כי לעולם חסדו!



# לכבוד מיינע געטרייע, טייערע באדינער'ס!!

דאס בין איך, אייער 'גוף' וואס שרייבט צו אייך. עס איז געקומען די צייט וואס מיינע געפילן זענען איבער געפולט מיט הכרת הטוב, און איך האב באשלאסן אז איך מוז שוין כאטש אביסל ארויסגעבן מיט ווערטער מיין "יישר כח"!

שוין היבשע יאהרן וואס איר - מיינע געטרייע באדינער - שטעלן מיר צו שענער און בעסער פון וואס מען קען זיך וואונטשן אין זיסטן חלום. איך פיל ממש ווי איר טוהט דאס מיטן גאנצן הארץ און מח. איר גיבט מיר נישט אבי-וואס, נאר אלעס מיט מחשבה און געטריישאפט, און עס איז פשוט אוממעגליך נישט נתפעל צו ווערן! דאס עסן - נישט קיין הארטע ברויט און פשוט'ע געטראנקען, נאר אלעס מלא טעם, פון שענסטן און בעסטן וואס די אויג זעהט...

און ווען עס קומט צו באקליידן, מוז איך מודה זיין אז איך קען זיך נישט אפרעדן. איר טוהט מיר נישט אן אבי וואס, א ירושה קלייד פון א שוועסטער, אדער אנדערע מלבושים וואס איז נישט די לעצטע מאדע. פארקערט, איר לויפט ארום מיר איינקויפן מלבושים וואס איז די טייערסטע און די מערסטע עלעגאנט, גוט אזוי! אנדערש וואלט איך זיך געשפירט נישט באקוועם, דערפאר בין איך אייך באמת מכיר טובה, פאר די 'מלכות'דיגע באדינונג', אייער מסירות נפש צו מיר איז קלאר, אויף אזוי ווייט, אז איך שפיר אסאך מאל שלעכט פאר מיין שותף די 'נשמה'. איך פארשטיי אז זי קען ארויסגיין פון קנאה, למעשה זענען מיר ביידע אנגעקומען צו אייך אלס גאסט אין די זעלבע צייט, איז פארוואס האב איך עפעס מער נושא חן געווען? אבער די וועלט זאגט: 'אז מען גיבט - נעמט מען' און אזוי פיר איך מיר אויך!

איך מוז אייך זאגן דעם אמת, מיין לעבן איז פאר מיר איין שטיק איבערראשונג! איך קען פשוט נישט גלייבן אז עס האט זיך צום סוף אזוי אויסגעשטעלט. נאך פאר איך בין אהער אראפגעקומען, האט מען מיר גאר אנדערש אינפארמירט. מען האט מיר קלאר געלאזט וויסן, אז מען שיקט מיר צו א 'עולם המעשה' - אבער איך בין נישט 'די עיקר זאך', איך בין נאר די פושקע וואס אין מיר וועט מען אריינלייגן דעם אמת'ן מענטש, 'די נשמה'! די נשמה וועט קומען דא אויף דער וועלט צוגאסט, בלייבן פאר א שיינע היבשע יאהרן, ווייל זי דארף ערלעדיגן טויזנטער וויכטיגע ענינים. זי דארף קויפן און קויפן, טוהן און אריינכאפן, אבער זי דארף א אכסניה, און מיר האט מען אויסגעקליבן צו האבן די זכי' צו זיין דער בעל האכסניה פונם דערהויבענעם מענטש וואס קומט פון אונטערן כסא הכבוד! מען האט מיר געזאגט אז אויף קיין גרויסע פארגעניגנ'ס זאל איך נישט רעכענען, א שטיקל ברויט, אביסל וואסער, א מלבוש'ל, און אמאל ווען איך וועל זיך שפירן שוואך און אנגעשטרענגט, וועל איך באקומען אביסל אפרוה. איך האב דאס גוט פארשטאנען, סוף כל סוף ווער בין איך דען פאר זיך אליין? א פשוט'ער בשר ודם. מיין גאנצע ווערד איז דאך נאר אז איך בין דער בעל האכסניה פאר דעם דערהויבענעם הימלישן גאסט.

למעשה האט זיך עס אויסגעשטעלט גאנץ אנדערש. מיין שאק איז געווען זייער גרויס. איך קום אראפ אונטן, באקום איך א ווארעמע 'ברוך הבא' מיט באלאנען, הערליכע מלבושים, מתנות פון אלע זייטן... און וואונדער איבער וואונדער, פון מיין בעל הבית - די נשמה - וואס וואוינט ביי מיר, האט מען גאר כאילו פארגעסן...

הערט מיינע טייערע באדינער'ס! איך וויל נישט זיין אומדאנקבאר, אבער איך מוז אייך זאגן, אז איך וואונדער זיך זייער שטארק אויף אייך. ווי בלינד קענען מענטשן זיין?! ווי שטארק קען ער פארמאכן זיין מח?! ווי שטארק קען ער זיין טויב, און נישט הערן דעם קול וואס רופט אויס יעדן טאג '**אוי להם לבריות** - נעבעך פאר די מענטשן וואס באדינען נישט זייער נשמה...

עס שמעקט מיר זייער גוט אייער סערוויס, אבער איין בשורה מוז איך אייך לאזן וויסן, פשוט אלס מענטשליכקייט: א הארציגן דאנק פאר אלעס, אבער ביטע ווארט גארנישט צוריק!! איך צאל אייך נישט צוריק קיין פיאסטער! נישט יעצט און זיכער נישט שפעטער! און כדי איר זאלט חלילה נישט האבן שאדן שפעטער, לאז איך אייך יעצט נאכאמאל און נאכאמאל וויסן "איך בין נאר די פושקע"! איך בין נישט 'דער עיקר'! 'דער עיקר' איז די נשמה! זי איז ווערד אז מען זאל טראכטן פון איר, זיך זארגן פאר איר, זיין פריינדליך צו איר, מען זאל איר געבן גוטע שפייז, שיינע מלבושים, מנוחת הנפש, הארציגע געפילן. ווייל זי איז יא גרייט צו צאלן! און נישט סתם צאלן, נאר צאלן פרייכן וואס איר וואלט זיך נישט גע'חלומ'ט אין אייער זיסטן חלום! פרייכן פון וואס מען קען ארויסגיין פון זיסקייט און געשמאקייט! פרייכן וואס מען קען נישט באשרייבן מיט טינט און פאפיר..

פאלגט מיר טייערע באדינער, מאכט א טויש, עס וועט זיך מיר אויך לוינען דאס געשעפט, ווייל דער גוף פון צדיקים - שטייט - קען אויך ווערן הייליג אזוי ווי די נשמה!!!

ביטע, ווארט נישט אויף נאך א דאנק פון מיר, בלייבט געזונט בגוף ובנפש! האט שכל און סייעתא דשמיא.



**וואונטשט פון טיפן הארצן - דער גוף (ארויסגאבע 'אור פייגא').**

# וואו האלטן מיר??

ווען איר מאן איז איין נאכמיטאג
פון לערנען צוריק געקומען,
איז זי געווארן פול מיט ווייטאג
נישט געקענט צום ווארט קומען.

ער איז געגאנגען מיט א טריקו (ניט) בלוזקע
אן א קאלנער ווי א אונטער העמד,
א לאנגע שווארצע טריקו כאלאט
זי האט אים כמעט נישט דערקענט.

- וואס איז געשעהן מיט דיר,
ביסטו אפשר פון זינען אראפ?
דו פארשעמסט מיר זייער שטארק
ביסט חלילה געפאלן אויפן קאפ?

- בארוהיג זיך, זאגט ער
מען דארף נישט היסטעריש ווערן,
נעם עס נישט אן אזוי שווער
לאז מיר דיר נאר ערקלערן.

איך בין מקיים אלע מצוות
איך זיץ און לערן פלייסיג,
וואו שטייט אז "טריקו" איז אסור
וואס מאכסטו אזא עסק?

- איך האלט עס נישט אויס, אוי, אוי
האט זי זיך געבעטן ביי אים,
די קליידער פאסטן פאר א גוי
פארלירסט דאך דיין צלם אלוקים...

◇◇◇

איר טראכט דאך זיכער אלע
אז מיר טוהען איבערטרייבן,
אזא מעשה צו פאבריצירן
און מיר דארפן עס נאך גלייבן...

אבער דאס בילד איז נישט קיין ליצנות
עס איז ליידער ווירקליך און וואר,
עס פאסירט צווישן אונז
צו די אידישע טאכטער גאר...

אונזער היינטיגע בת מלך
טוהט יעדע מאדע נאכטאנצן,
דאס וואס רבנים בעטן זיך
גייט איר נישט אן אינגאנצן.

זי טענה'ט זיך גאר פעסט
איך בין נישט עובר קיין הלכה,
אלס איז צוגעדעקט
מען מעג מאכן א ברכה.

זי דאוונט מיט כוונה
לויפט טוהן חסד געשווינד,
אבער ווען עס קומט צו צניעות
ווערט זי ממש בלינד.

דער יצר הרע לאזט איר מקיים זיין
יעדע הידור וואס מ'קען געפינען,
ווייל ווילאנג איר צניעות ליגט ביי אים
האט ער איר שוין געוואונען.

און זי לאזט זיך פון אים נארן
פון זיין קלוגן פלאן פארפירן,
און אין זיין גרויסע נעץ
בלינדערהייט אריינמארשירן...

לאמיר זיך שוין געבן א שאקל
דעם אמת וועלן זעהן און הערן,
דער רצון ה' איז דאך קלאר
מיטן צניעות'דיגן קרוין זיך אנטוהן גערן.

עס ליגט א פליכט אויף יעדן איינעם וואס האט א מעגליכקייט, עפעס צו אויפטוהן אויפן געביט פון צניעות. ווי דער הייליגער חפץ חיים זי"ע שרייבט: **"ווען עס ברענט א פייער און עס איז פיקוח נפש, איז יעדער מחויב צו לעשן דעם פייער, ס'איז נישט שייך צו שטיין און ווארטן אצווייטער זאל עס קומען טוהן"** - די זעלבע זאך איז היינט ווען די פריצות און שמוץ - וואס איז דער פייער פון יצר הרע - ברענט אין אלע גאסן, איז יעדער מחויב צו טוהן וואס ער קען נאר, צו לעשן דעם פייער.

אזוי אויך זענען מיר מחויב צו מתפלל זיין צום הייליגן בורא, ער זאל אונז העלפן בייצושטיין אנטקעגן די גרויסע נסיונות פון די סטרא אחרא, וואס איז אזוי שטארק און מעכטיג.

וואויל און לעכטיג איז פאר די אידישע טעכטער, וואס זענען זוכה זיך צו פירן אזוי ווי אונזערע עלטערן האבן זיך געפירט, מיטן צניעות'דיגן לבוש לויט אלע חומרות און הידורים - מיר דארפן אלע זיין גרייט צו קענען מקבל פנים זיין דעם מלך המשיח, מיר זאלן זוכה זיין אנטייל צו נעמען אין די גרויסע שמחה וואס עס וועט זיין, ווען אידישע קינדער וועלן געהאלפן ווערן אינגיכן, בהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.



# יזכור

יזכור! רופט אויס דער גבאי פון בית המדרש.

די ווייבער שוהל איז פול. אויף די תפילה פון יזכור זאגן איז מען נישט מוותר. יעדער וויל דערמאנען די נשמות פון די עלטערן פארן בורא כל עולמים. ער זאל זיי ארויפברענגען העכער אין גן עדן, זיי זאלן קענען במנוחה נהנה זיין מזיו השכינה.

אין עולם הנשמות זענען דא אסאך מדריגות. יעדע נשמה קומט אן לויט אירע מעשים. פאראן נשמות וואס עס פעלט זיי נאר גאר א קליינער זכות, כדי צו קענען ארויפגיין אין נאך א העכערן היכל. דעם צער פון אזא נשמה איז נישט צום באגרייפן. זי לעכצעט צו גיין העכער, אבער זי קען זיך נישט העלפן. זי איז אנגעוויזן אויף אירע קינדער און אייניקלאך וואס זי האט איבערגעלאזט אין עולם הזה. מיט זייערע מצוות און מעשים טובים קענען זיי איר קומען צוהילף און ערמעגליכן א עליה.

אבער פלוצלונג, א איבערקערעניש... עס גייט ארויס א קול וואס רופט אויס אויף פיל נשמות, מען זאל זיי ארויסנעמען פון גן עדן און אריינפירן אין גהנום... די מלאכי חבלה קומען אן און פירן אויס די באפעלן פון בית דין של מעלה...

ווי אזוי איז עס מעגליך, אז אין אזא עת רצון, אין אזעלכע געהויבענע מינוטן, זאלן נשמות פון עלטערן אזוי פארשעמט ווערן און ווייטער זיין אויסגעשטעלט צו די ביטערע יסורים אין פייער פון גהנום???...

◇◇◇

גייט דער הייליגער צדיק רבי ישכר דוב, דער בעלזער רבי זי"ע, אינגאנצן פארטוהן אין זיינע הייליגע מחשבות. נעבן אים שפאנט זיין גבאי. מיט אמאל זענען אויף יענעם שמאלן וועג דורכגעגאנגען - זייער נאנט צום רבי'ן - עטליכע פרויען וואס האבן זיך געאיילט אנצוקומען באצייטנ'ס אין ביהמ"ד צו יזכור.

דער רבי גיבט זיך א שטעל אפ. זיין גאנצער קערפער ציטערט ווי ס'וואלט אים אנגעכאפט א איבל. ער מאכט צו זיינע אויגן, הייבט אויף זיינע הייליגע הענט מיט ווייטאג און זאגט: "אוי וויי! דורכזיכטיגע זאקן ביי אידישע טעכטער, ס'איז דאך ערוה!"

ער ווענדעט זיך צו זיין גבאי און זאגט: גיי רוף אויס צו די ווייבער וואס געפינען זיך אין ווייבער שוהל - איר מיינט אז איר זענט געקומען מזכיר זיין די נשמות פון אייערע עלטערן אין גן עדן? אויב איר וואלט געהאט אויגן צו זעהן און אויערן צו הערן, וואלט איר יעצט געזעהן ווי מען נעמט ארויס די נשמות פון אייערע עלטערן פון גן עדן און מען ווארפט זיי אריין אין גהנום, צוליב די דורכזיכטיגע זאקן מיט וואס איר זענט יעצט ארויס אין גאס, אייערע אומגליקליכע עלטערן שרייען: מיר בעטן אייך אונזערע טעכטער, זיצט אין שטוב, מיר דארפן נישט אייער יזכור!"

"וואויל איז דעם וואס איז מקיים "ברא מזכה אבא" - א קינד ברענגט זכותים פאר זיין טאטן, און ווי איז דעם וואס צוליב אים געשעהט דאס פארקערטע" - האט דער הייליגער בעלזער רב געענדיגט.

◇◇◇

און וואס טוהט זיך וועגן די אנדערע פריצות'דיגע מלבושים? ווי טריקו (ניט) בלוזקעס, קורצע געפאסטע קליידער, אויסגעשניטענע העלזער, א.א.וו...? - קיין האר נישט אנדערש! אויבן אין הימל, די נשמות פון זיידעס און באבעס, עלטער זיידעס און עלטער באבעס... שרייען און וויינען און בעטן זיך צום כביכול: "הייליגער בורא כל עולמים, אונזערע קינדער, אייניקלאך, אור אייניקלאך, דרייען זיך ארום מיט פריצות'דיגע מלבושים פון פארשידענע מאדעס, ווילאנג וועלן מיר נישט האבן קיין מנוחה צוליב זיי?! האב רחמנות און קער זיי צוריק צום ריכטיגן צניעות'דיגן לבוש, העלף זיי אראפצוווארפן אט די גוי'אישע מלבושים, ווייל דער מצב איז אומדערטרעגליך".

און דא אונטן שטייען קופקעס פון מענער און קאכן זיך: "וואס וועט זיין? דער מצב פון די מלבושים ביי די פרויען מוז האבן א תיקון".

רופט זיך אן גרונם: מיר פארשטייען נישט דעם יצר הרע פון די פרויען, ס'איז גרינג צו זאגן "זאלן זיי זיך אנטוהן ווי די עלטער באבעס"...

זרח - אינגאנצן צוקאכט ווי אין א קעסל, שרייט צוריק: "די פרויען פארשטייען נישט דעם יצר הרע פון די מענער! וויפל מאל ווער איך נכשל אין הארבע איסורים, צוליב אזעלכע מלבושים וואס דיין ווייב און אנדערע טראגן אויפן גאס?!"

און שטילערהייט שעפשעט ער א תפילה צום בורא כל עולמים: "העלף, אז די נשים זאלן שוין נתעורר ווערן און אוועקווארפן אלע פריצות'דיגע מלבושים, אז די גאס זאל ווערן הייליג און ריין, מיר זאלן מער נישט קומען צו קיין מכשולים".

דער רבש"ע מיט זיין גרויס רחמנות, דערהערט די תפילה פון ערליכע יונגעלייט. ער וויל אריינשיינען א רוח טהרה אין אידישע פרויען, אויף פארשידענע וועגן. אמאל דורך א דרשה וועגן צניעות, אמאל דורך א געשריבענע ארטיקל, אמאל דורך א קאסעט א.ד.ג. און אמאל דורך א שוידערליכע פאסירונג ח"ו, אדער פארקערט, דורך שענקען פיל גוט'ס. - ווילן מיר פארשטיין דעם וואונק פון הימל?

אויבן אין הימל ווארטן טויזנטער נשמות און צאפלען זיך פאר שרעק... "וועלן מיר האבן די זכיה אונזערע דורות זאלן זיך ענדליך דערוועקן און טוהן די ריכטיגע תשובה שלימה? וועלן מיר שוין זוכה זיין דורך זייערע גוטע מעשים, צו א ריכטיגע מנוחה, צו קענען גיין העכער אין די אויבערשטע היכלות פון גן עדן?! אוי, רבש"ע - בעטן זיי מיט געוויין, שחט שוין דעם יצר הרע פון פריצות, אזוי ווי דו האסט שוין פון לאנג צוריק גע'שחט'ן דעם יצר הרע פון עבודה זרה"...

און דער רבש"ע ווארט, די שכינה הק' וויינט און בעט זיך: "מיינע טייערע אידישע טעכטער, וועקט זיך אויף, טוהט תשובה, זייט מזכה זיך אליין אויף די וועלט, און אייערע עלטערנ'ס נשמות בעולם העליון, איר קענט זיך איינקויפן א געוואלד מיט זכותים, און מער נישט דארפן ליידן, שובו אלי, ואשובה אליכם!

◇◇◇

און יעצט, הייליגע אידישע טעכטער, אז מיר וועלן זיך פירן לויט דעם רצון פון אונזערע הייליגע זיידעס, וועלן מיר האבן א נאנטן קשר מיט זיי, זיי וועלן זיך מיהען פאר אונז ביים הייליגן בורא, און **מיר וועלן זוכה זיין צו כל מיני ישועות.**



# פארוואס איז דאס געשעהן?!

אלעס איז פינסטער... בלויז די רויטע לאמפן פונם אמבולאנס באלייכטן דעם שאסיי אויף וועלכן ער יאגט זיך צו ראטעווען דאס לעבן פון א אומשולדיג פיצל קינד, מיין קינד.

אלעס איז פינסטער... בלויז די נומערן מיט די שטריכן פון די סקרין (מסך) טאנצן ארויף און אראפ, באלייכטנדיג דעם צימער פונם "אינטענסיוו קעיר" (טיפול נמרץ) אפטיילונג, פרובירנדיג אפצושאצן צו מיין קליין אוצר'ל אטעמט נישט צו שנעל, און צו יעדעס קלאפ פון זיין הערצעלע איז אין דער ריכטיגער צייט...

איך קוק אויפן אומבאהאלפענעם קערפערל וואס ליגט באהאפן מיט דראטן צו די פארגעשריטענע מאשינען, און א הייסער טרער קייקלט זיך אראפ פון מיינע אויגן. יא, מיין טייער קינד, איך ווייס אז דו ווילסט קוקן אויף מיר, כאטש דו קענסט פון שוואכקייט נישט עפענען דיינע ליכטיגע אויגעלעך. דו ווילסט מיר זאגן, וויינען, בעטן: מאמי, נעם מיר אהיים, נעם מיר ארויס פון דעם צימער וואו מ'פייניגט מיר מיט אזויפיל יסורים טאג טעגליך...

מיינע פיינליכע געדאנקען ווערן איבערגעריסן פון א שטילן געוויין... א וויינענדיגער קול... דאס קען נאר זיין א קול פון א אידישע מאמע... איך גיי צוריק עטליכע טריט...

אוי, באשעפער זיסער, די מאמע פונם קינד פון דערבייאיגן צימער... זי באוויינט איר קינד, וועמענ'ס נומערן אויפן סקרין ווייזן זיך נישט מער...

איך לויף שנעל צוריק צו מיין קינד, וואס ליגט אין זיין בעטל אומבאוועגליך, בלאס. א שטומער געשריי רייסט זיך ארויס פון מיין הארצן: "אוי, מיין קינד, מיין זיס קינד, בלייב דא!" איך כאפ אן זיין קליין הענטעלע, ווי איך וואלט וועלן אנכאפן זיין נשמה'לע און נישט לאזן אוועקפליהען, ווי איך וואלט אים געקענט מיט מיינע הענט שיצן פון דעם מלאך המות, וואס דרייט זיך ארום אינם אפטיילונג פון "טיפול נמרץ".

שרעקליכע בילדער ווייזן זיך אין מיין פאנטאזיע. ווילדע איינרעדענישן דרייען זיך אין מח. דאס כליפען און שלוכצען פון די אומגליקליכע מאמע, וואס קען זיך נישט געזעגענען פון איר קינד מיט וועמען זי האט אזוי פיל חדשים פארברענגט אין שפיטאל, באנעמען מיר ביז די טיפענישן פון מיין נשמה, און פילן אן מיין גאנצן וועזן מיט א ביטערן צער, ביטער ווי די גאל. מיין הארץ ווערט פארקראמפט פון ווייטאג, און איך וויין מיט מיט איר...

איך שטיי אינם האלב פינסטערן צימער, אליין און אומבאהאלפן קעגן דעם געפאר, איך וויל עפעס טוהן, כאטש פיהלן אז איך טוה עפעס. דער שטילער געוויין פונם דערנעבנדיגן צימער איז א שארפע דערמאנונג  אז איך בין נישט די איינציגע אין דעם זינקענדיגן שיף. איבער א מנין אומשולדיגע אידישע קינדער, בעיבי'ס געפינען זיך אין דעם שפיטאל אליין! יעדן צווייטן טאג זעה איך נאך א אידישע טאטע-מאמע מיט פארטרערטע אויגן און בלאסע פנימ'ער באגלייטן זייער קינד'ס בעטל צום אפטיילונג פון "טיפול נמרץ".

פארוואס, רבונו של עולם, פארוואס?! זעהסטו דען נישט די מצוות און מעשים טובים וואס ווערן געטאהן טאג טעגליך? זעהסטו דען נישט דעם אומגעהויערן חסד וואס ווערט געטוהן דא, אין די שפיטאל קארידארן, די הערליכע ארגאניזאציעס מיט פרייוויליגע, גוטהארציגע וואלונטירן (מתנדבים), וועלכע פארזארגן אונז מיט אלע באדערפענישן אויפן בעסטן און שענסטן אופן? וואו האסטו נאך אזא פאלק אויף דער וועלט, רבונו של עולם?

ווי אלס הסכמה אויף מיינע אומארויסגעזאגטע ווערטער, ערשיינט די געטרייע וואלונטיר פון ביקור חולים מיט א שטילן קלאפ אין טיר און א פריינדליכן 'א גוטן אוונט'. זי איז געקומען מיר איבערנעמען די וואך ביים קינד'ס בעטל, איך זאל קענען אביסל אהיימגיין, די אנדערע קינדער דארפן אויך א מאמע...

א יונגערמאן שטייט ביים הויפט ארויסגאנג פון שפיטאל, גרייט מיר אהיימצופירן, איך זיץ אין קאר, ערשעפט און פארמאטערט, און די שווערע געדאנקען דריקן ווייטער אויפן מח, פארוואס? פארוואס?

איך פארמאך די אויגן, פרוביר צו אנטלויפן פון דער ביטערער מציאות. אבער די ווערטער פונם טעיפ לאזן מיר נישט איינדרימלען. דוכט זיך א תורה טעיפ. יא, אידן טוהען חסד נאך א טאג ארבעט, און הערן נאך א שיעור אויפן וועג. אוי, מי כעמך ישראל! קוק  אראפ פון הימל, רבש"ע, און זאג צו ס'קומט זיך אונז נאך אזעלכע צרות...

געוועגליך האב איך ליב צו הערן א תורה ווארט, אבער יעצט האב איך נישט קיין כח מיטצוהאלטן. פארנדיג אויפן דזשארדזש וואשינגטאן בריק, כאפ איך אויף עטליכע ווערטער וועגן אליעזר מיט רבקה, און איך דערוועק זיך פון מיינע געדאנקען. וועגן שידוכים איז אלעמאל אינטערעסאנט צו הערן.

"...האט ער ארויסגענומען כלי כסף וכלי זהב ובגדים - זילבערנע און גאלדענע כלים און קליידער - און געגעבן פאר רבקה'ן. דארף מען פארשטיין, וואס עפעס האט אליעזר מיטגעברענגט קליידער? האט דען אברהם אבינו געוואוסט וואספארא מאס די מיידל וועט האבן?

זאגט דער הייליגער שר שלום פון בעלז זי"ע: אברהם אבינו האט אנגעזאגט פאר אליעזר - אפילו די מיידל וועט האבן אלע סימנים פון א אידישע טאכטער, אירע מידות וועלן זיין וואונדערבאר, איר חסד - אין לשער, זאלסטו איר אבער ווייזן די קליידער פון די מאמע שרה און זאלסט איר פרעגן, ביסטו גרייט צו גיין אנגעטוהן טאקע ווי די מאמע שרה? דעמאלס ביסטו ווערד צו זיין די מאמע פון כלל ישראל!"

דער בעל דרשן האט ווייטער גערעדט, אבער איך האב שוין נישט געהערט. וואספארא וואונדערליכע צוזאמענטרעף! דורך אלע מיינע יאהרן אין שולע, אלס תלמידה און שפעטער אלס לערערין, האב איך דעם ווארט פון בעלזער רבי'ן קיינמאל נישט געהערט. איך האב געשפירט ווי דער רבש"ע אליין האט מיר געענטפערט אויף מיינע קשיות, פונקט אין דער ריכטיגער צייט.

און איך האב אנגעהויבן טראכטן: ווי אזוי האט אויסגעזעהן דאס קלייד פון שרה אמנו? האט עס מיט עפעס געענדלט אין אונזערע קליידער? דער קאליר? די לענג? די ברייט? וועלכער 'דיזיינער' (מעצבת) האט עס אויסגעמוסטערט? פון וועלכן 'מאגאזין' האט זי גענומען דעם סטייל? האט עס געהאט א 'ברענד נעים' (מותג)?

# שומר ה׳ את כל אוהביו

ס'איז דא א מצות עשה וואס יעדער דערמאנט עס צוויי מאל א טאג, אבער ווען עס קומט אז מען דארף עס מקיים זיין, מיינט מען אז עס איז געגעבן געווארן נאר פאר בעלי מדריגה. מען טראכט זיך: "עס מיינט נישט מיר"... אבער דער ספר החינוך זאגט אונז אז אין די מצוה זענען מחויב סיי מענער און סיי פרויען, בכל עת ובכל זמן - ד.מ. יעדע סעקונדע פון טאג, און דאס איז די מצוה "ואהבת את ד' אלקיך בכל לבבך".

יעדער איד וואס איז מזרע אברהם אבינו, איז געבוירן מיט א פינטעלע אהבת ד', און יעדער איד איז מחויב צו ארבעטן מיט די פינטעלע, ביז עס וועט זיך צוואוואקסן און פארנעמען זיין גאנצע הארץ און אוועקשטופן אלע אנדערע ליבשאפטן וואס זענען אין קאנטראסט (קעגן) צו אהבת ד'. וואס דאס איז די ליבשאפט צו אלע ערליי עולם הזה'דיגע תאוות. אז עס קומט א צייט ווען א איד איז אנגעוויזן אין א ספעציעלע ישועה, דארף ער געדענקען אז "שומר ד' את כל אוהביו" - אויב איז זיין הארץ אנגעפילט מיט אהבת ד', וועט דער רבש"ע היטן און הערן זיין בקשה.

ווי אזוי קען א מענטש מעסטן זיין אהבת ד'? א מענטש קען באקוקן זיינע ציצית, זיינע מזוזות, זיינע תפילין, ארבע מינים, א.א.וו. - ער קען קוקן צו די מצוות זענען ווי עס דארף צו זיין, אבער וואס איז דער מעסטער ווי אזוי ער קען זעהן וואו ער האלט מיט אהבת ד'?

שטייט אין די ראשונים אז אהבה מעסט זיך לויט וויפל מען רעכנט זיך מיט יענעם.

ווען איינער טראכט פאר ער טוהט א זאך, צו מעג מען עס טוהן צו נישט - איז ער א פרומער איד - ער וויל טוהן נאר וואס מען מעג. אויב ער טראכט פאר ער טוהט א זאך צו ער וועט קריגן דערפאר שכר אדער עונש, איז ער א



קלוגער איד - ער היט זיך זיינע ביינער נישט צו געשטראפט ווערן. אבער ווען איינער טראכט פאר ער טוהט א זאך - צו דער רבש"ע וועט הנאה האבן פון דעם, אדער חלילה האבן פארדרוס - אזא איינער איז א אוהב ד' - ער האט ליב דעם רבש"ע, ווייל ער רעכנט זיך מיט רצון ד'.

דער ווילנא'ער גאון זצ"ל זאגט, אז פונקט ווי די דרגה אין תורה איז די וויכטיגסטע זאך ביי א מאן, אזוי איז די דרגה אין צניעות די וויכטיגסטע זאך ביי א פרוי. און פונקט ווי תלמוד תורה איז כנגד כולם - פאר יעדע ווארט לימוד תורה באקומט מען שכר ווי פאר זעקס הונדערט און דרייצן מצוות, אזוי איז דער שכר פאר צניעות ביי פרויען 'כנגד כולם' - דער שכר פאר צניעות איז אסאך גרעסער ווי פאר אלע אנדערע מצוות.

דא פארלייגט זיך דער בעל דבר זייער שטארק. ווען דער רבש"ע האט באשאפן די ערשטע פרוי חוה, האט ער ביי יעדן אבר געזאגט צוויי מאל 'תהא צנועה' - דעריבער איז א פרוי מחויב צו זיין זייער אויפמערקזאם אז יעדע אבר זאל זיין פארדעקט לויטן רצון ד'.

א פרוי איז באשאפן געווארן מיט א נאטור צו וועלן אויסזעהן שיין, און זי דארף ארבעטן קעגן איר נאטור צו טוהן רצון ד', און זיין וואס מער באהאלטן און נישט באמערקבאר. דעריבער, לויט די דרגה ווי א פרוי האלט אין צניעות, לויט דעם זעהט מען וויפל עס איז איר דרגה אין אהבת ד'. און אז א פרוי וויל א ישועה פון רבש"ע, דארף זי געדענקען אז שומר ד' את כל אוהביו - די שמירה פון רבש"ע

## פארוואס וויינסטו?

דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט געהאט א טאכטער וואס איז געווען א יפת תואר. צוליב איר גרויס צניעות און צדקות, פלעגט זי כמעט נישט ארויסגיין אין גאס, כדי מענער זאלן נישט געשטרויכלט ווערן אין איר. איינמאל, ווען זי האט געמוזט ארויסגיין אויפן גאס, האט זי באמערקט ווי איינער קוקט אויף איר, זי האט זיך פרובירט באהאלטן פון אים, אבער ער האט איר ווייטער נאכגעקוקט.

ווען זי איז אנגעקומען צוריק אהיים, האט זי גענומען דעם תהלים פון איר הייליגן טאטן, און זיך זייער צואוויינט, אויסגיסנדיג איר הארץ פארן בורא עולם. דער הייליגער חתם סופר איז אריינגעקומען אין שטוב און ער טרעפט זיין טאכטער ווי זי וויינט אזוי ביטערליך, האט ער איר געפרעגט: פארוואס וויינסטו? האט זי געענטפערט: "איך בעט דעם רבש"ע זאל צונעמען מיין שיינקייט פון מיר, כדי איך זאל נישט מכשיל זיין מענטשן".



דער חתם סופר זי"ע איז שטארק נתפעל געווארן און זיך אנגערופן: "דיין בקשה וועט אנגענומען ווערן, און ווייל דיין כונה איז געווען לשם שמים, וועסטו זוכה זיין צו א קינד וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און צדקות".

די טאכטער פון חתם סופר האט טאקע פארלוירן איר שיינקייט, און זי איז געבענטשט געווארן מיט א הייליג קינד וואס האט באשיינט די וועלט, דאס איז געווען דער גאון רבי עקיבא קורניצער זי"ע.

# וויפל רעכנט מען זיך אין הימל מיט מיר?

איז אויף איר לויט וויפל זי האט ליב דעם רבש"ע.

דער חפץ חיים זצ"ל האט איינמאל אויסגערופן אין זיין ישיבה, אז מארגן וועט ער זאגן פאר יעדן בחור וויפל מען רעכנט זיך מיט אים אין הימל. אויף מארגן זענען אלע בחורים געקומען אין ישיבה אין צייט, יעדער האט געוואלט הערן וויפל מען רעכנט זיך מיט אים אין הימל. האט דער חפץ חיים זצ"ל אויסגערופן צו אלע צוזאמען: "יעדער איינער - וויפל ער רעכנט זיך מיטן הימל - אזויפיל רעכנט מען זיך אין הימל מיט אים"...

א פרוי - ווען זי גייט ארויס פון שטוב, זי שטעלט זיך אפ ביי די מזוזה און לייגט ארויף איר האנט, דארף זי זיך דערמאנען אז דארט שטייט: "ואהבת את ד' אלקיך בכל לבבך" זי דארף טראכטן: אויב האב איך אוועק געגעבן צען, פופצן מינוט צו שטייןביים שפיגל און זעהן ווי אזוי איך גיי אויסקוקן פאר די גאס, קומט דאך פארן רבש"ע כאטש א צוויי מינוט פון התבוננות, זיך אפצושאצן ווי אזוי איך קוק אויס אין זיינע אויגן, צו איז ער צופרידן מיט מיר לכתחילה???

זי דארף טראכטן אז פון אלע וועמען זי גייט באגעגענען אויפן גאס, אירע חבר'טעס, שכנים, שוועסטער צו די שוויגער - קיינעם פון זיי אינטערעסירט נישט אזוי שטארק ווי אזוי זי איז יעצט אנגעטוהן, אזוי ווי עס אינטערעסירט דעם רבש"ע. אויף יעדע סארט הלבשה - פון קאפ ביז פיס - איז דא א ספעציעלע השגחה, אויף וואס זי וועט באקומען שכר אויב עס איז צניעות'דיג, אדער חלילה עונש - אויב עס איז נישט צניעות'דיג.

א פרוי זאל נישט מיינען אז צניעות איז א חוק בלי טעם. דאס וואס די ספרים הק' ברענגען ארויס אז א פרוי זאל זיין וואס מער באהאלטן און וואס ווייניגער ארויסגיין פון שטוב, איז דערפאר ווייל די מענער זאלן נישט עובר זיין אויף "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

דער רבינו יונה שרייבט: אויב א פרוי גייט ארויס אויפן גאס און איז מכשיל מענער, וועט זי ווערן געשטראפט פאר יעדן איינעם וואס גיט א עקסטערן קוק אויף איר. ווייל זי האט גורם געווען ער זאל עובר זיין אויף קוקן און טראכטן וואס מען טאר נישט.



די טענה וואס פרויען זאגן: "זאלן די מענער נישט קוקן" איז א נארישע טענה, עס איז פונקט ווי איינער וואס שטעלט זיך אראפ דריי אזייגער ביינאכט פייפן מיט זיין קאר, מענטשן שרייען צו אים: וואס וועקסטו אונז אויף?? און ער שרייט צוריק: "ווער הייסט אייך הערן???" פארשטייט דאך יעדער אז דאס איז א נארישע טענה, דאס זעלבע איז ארויסצוגיין אויפן גאס מיט א מלבוש וואס ציהט די אויג צוליב פריצות, און טענה'ן 'זאלן זיי נישט קוקן'...

אידישע פרויען בעטן בני, חיי, מזוני, - זעהט מען אין פיל ערטער אין חז"ל, אז די גרעסטע סגולה פאר דעם איז צניעות. אסאך תפילות הויבן זיך אן מיט די ווערטער "יהי רצון" - ס'זאל זיין דיין ווילן, ווען מ'בעט עפעס פון א מענטש, הויבט מען קיינמאל נישט אן מיט די ווערטער ס'זאל זיין דיין ווילן', פארוואס ביים רבש"ע יא? ווייל ווען מען ווייסט אז מען איז עס נישט ווערד, עס זענען דא מקטריגים וואס זאגן: "עס קומט זיך איר נישט", בעט מען ביים רבש"ע "יהי רצון" דו זאג אז דו ווילסט עס מיר יא געבן, אזוי ווי א קינד בעט זיך ביי איר מאמע: 'זאג אז דו לאזסט יא'...

דארף מען וויסן אויב ווילסטו דער רצון ד' זאל זיין צו ערפילן דיין בקשה, דארפסטו אוועקגעבן דיין רצון און טוהן דאס וואס דער רבש"ע וויל פון דיר. אזוי ווי די משנה זאגט "עשה רצונו כרצונך כדי שיעשה רצונך כרצונו" טוה דעם ווילן פון רבש"ע אזוי ווי דו טוהסט דיין אייגענעם ווילן, וועט דער רבש"ע טוהן דיין ווילן וואס דו בעטסט פון **אים, גלייך ווי עס איז זיין אייגענער ווילן - האבן מיר דא א קלארע הבטחה אויף קיבול תפילות.**

(מתוך דרשת הרה"ג אבא חייא טאובער שליט"א)

אין די הייליגע נאכט פון כל נדרי האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע געזאגט בתוך הדברים ביי זיין דרשה די פאלגענדע ווערטער: "ווער עס וועט צוהערן צו מיינע רייד, און גיין בצניעות פונקט ווי די פריערדיגע דורות, דער וועט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, און וועט געבענטשט ווערן בכל הענינים. (דא האט דער חתם סופר געשריגן) **ומכלל הן אתה שומע לאו!**... (ד.מ. אויב מ'וועט נישט פאלגן... וועט חלילה זיין פארקערט).

דער גאנצער ציבור האט אנגעכאפט א ציטער, הערנדיג דעם הייליגן געשריי אינעם הייליגן נאכט פון כל נדרי.



## שהבורא ית"ש - גומל טוב לשומרי מצוותיו

הרה"ק רבי גדלי' פון לינץ בעל מחבר ספר "תשואות חן", פון די תלמידי הבעש"ט הק', האט געהאט א אייניקל א מיידל, א מושלמת מיט אלע מעלות. איינע פון די חשוב'ע נגיד'ישע משפחות האט איר גענומען פאר א כלה און צוגעזאגט א גרויסן נדן מיט אלע צרכי החתונה. ביום החופה איז די כלה אריין - אנגעטוהן מיט איר חופה קלייד - צו איר גרויסן זיידן, אז ער זאל איר בענטשן פאר איר חתונה.

פארן זיידן האט אויסגעזעהן אז די ערמל (ארבל) איז נישט גענוג לאנג, עס פארדעקט נישט אירע ארעמ'ס ממש ביזן סוף, און ער האט באפוילן מען זאל שוין נעמען די קלייד און צושטיקלען נאך א שטיקל סחורה צו די לענג פון ארבל, פאר מען גייט צו די חתונה.

די משפחה האבן זיך פארענטפערט אז עס איז נישט געבליבן קיין איין עקסטערע שטיקל סחורה פון די חופה קלייד, און במילא זעהען זיי נישט קיין עצה וואס מען קען דא טוהן. האט זיך דער זיידע אנגערופן אז נישט לאנג צוריק האט מען פאר אים גענייט א נייע בעקיטשע, פון וואס ס'איז יא געבליבן סחורה, זאל מען דאס נעמען און פון דעם צושטיקלען צו די חופה קלייד. די משפחה זענען געשטאנען פארצווייפלט הערנדיג אזא פלאן, ווי פארשטענדליך האט די שווארצע בעקיטשע סחורה גארנישט געפאסט צו די חופה קלייד. דער זיידע, זעהענדיג די קווענקלענישן, האט זיך אנגערופן צו זיין אייניקל די כלה: "אויב דו ביסט מסכים אנצוטוהן די שווארצע סחורה צו פארדעקן איגאנצן דיינע ארעמ'ס, זאג איך דיר צו אז דו וועסט זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים מופלגים!!!".

די כלה האט באלד מסכים געווען, כאטש ס'האט אויסגעזעהן לעכערליך, און זי האט זוכה געווען צו אכט זיהן תלמידי חכמים מופלגים בתורה וביראה.

(ספר בגדי כבוד לקוטים אחרונים)

## ומעניש לעוברי מצוותיו

הרה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע האט געוואוינט אלס יונגערמאן אין די שטאט גאלאנטע. האט אמאל פאסירט אז ארויסגייענדיג פון בית המדרש האט ער באגעגנט אין הויף א מיידל וואס אירע ארבל האט נישט באדעקט איר גאנצע ארעם ביזן האנט פלאך, אזוי ווי דער דין איז. איז ער צוגעגאנגען צו איר און מיט א פאטערליכע שטימע געזאגט: "מיין קינד, דיין מלבוש איז נישט לויט ווי די תורה פארלאנגט, און נישט לויטן רצון פון דיינע עלטערן, זיי מוחל, טוה זיך אן א קלייד מיט לאנגע ארבל".

די מיידל האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט און ווייטער געגאנגען מיט דעם קלייד.

אזוי האט פאסירט אפאר מאל, דער צדיק רבי הלל זי"ע האט איר גע'מוסר'ט און זי האט נישט געפאלגט. ביז איינמאל האט איר רבי הלל געזאגט: "אויב דו וועסט מיר פאלגן איז גוט, און טאמער נישט, וועסטו זיין געצוואונגען צו אנטוהן קליידער לויט די הלכה".

די ווערטער פון צדיק זענען מקוים געווארן, און די מיידל האט באקומען גרויסע בלאטערן אויף ביידע הענט, וואס מען האט עס געמוזט ארויסשניידן און ס'איז געווארן זייער מיאוס. דאן האט די מיידל צוליב בושה שוין אנגעטוהן לאנגע ארבל.

(ספר קודש הילולים)

## דער שידוך



דער הייליגער צדיק דער שר שלום פון בעלזא זי"ע, האט א שידוך געטוהן מיט זיין זוהן הרה"ק רבי יהושע'לע, מיט א אייניקל פון הייליגן אפטער רב בעל אוהב ישראל זי"ע. דער שידוך איז געשלאסן געווארן אן דעם וואס מ'זאל האבן געזעהן די כלה. האט די רביצין די צדיקת מלכה ע"ה געפרעגט פאר איר מאן: "היתכן, מ'זאל טוהן א שידוך ווען קיינער האט נישט געזעהן די מיידל?" האט ער געענטפערט: "וויסן זאלסטו אז אין הימל איז פארהאן א היכל וואס הייסט 'מראות הצובאות', אין דעם היכל ווערן פארצייכנט די בנות ישראל וואס זענען צנועות וכשרות, ווען איך האב געזעהן אז אונזער כלה איז אויף די רשימה, איז עס מיר שוין געווען גענוג צו וויסן אז זי איז אן ערליכע, און זי איז זיכער ווערד צו זיין די כלה פון אונזער זוהן". (ספר בישורון מלך פר' פקודי)

זעהען מיר אז צניעות'דיגע אידישע טעכטער ווערן פארצייכנט אין א ספעציעלע היכל אין הימל.

# פאראהאלטן דעם טראנספארט



עס האט זיך געגרינדעט א היימישע מוסד פאר מיידלעך, וואס זענען געקומען קיין א"י נאך די שווערע מלחמה, פארלירנדיג זייערע נאנטסטע און טייערסטע. אין דעם מוסד האבן די איבערגעגעבענע עסקנים און עסקניות מיט געטריישאפט זיך אפגעגעבן מיט די צובראכענע יתומות, און פרובירט זיי צו העלפן אין זייער צובראכענע מצב.

איין טאג איז אנגעקומען א ידיעה צו די אנפירער'ס פונם מוסד, אז א אידישע ארגאניזאציע אין אויסלאנד, האט געשיקט מיט א שיף א טראנספארט פון נייע זאקן, וואס זיי זענען מנדב פאר די מיידלעך פון מוסד. עס איז געווען א גרויסע שמחה ביי די הנהלת המוסד, ווייל עס האט זיך באמת שטארק אויסגעפעלט נייע זאקן, אז די מיידלעך זאלן מער נישט דארפן גיין מיט פארנייטע, געלאטעטע זאקן.

למעשה האט זיך דער טראנספארט אפגעהאלטן ביי די שטייער-אמט. זיי האבן עס נישט געוואלט אדורך לאזן. עסקנים האבן זיך געפארעט מיט דעם פראבלעם, פרובירט צו פועל'ן מ'זאל עס ארויסגעבן, אבער אן ערפאלג.

איין טאג האבן זיך צוזאמען געזעצט עטליכע חשוב'ע רבנים אין די שטוב פון חזון איש זצ"ל, איבער צו שמועסן דעם פראבלעם און זוכן עצות ווי אזוי צו פועל'ן ביי די שטייער-אמט, צו באפרייען דעם טראנספארט פון די זאקן. אזוי שמועסנדיג האט איינער זיך אויסגערעדט אז עס רעדט זיך פון דינע דורכזיכטיגע זאקן. האט דער חזון איש זצ"ל זיך אנגערופן: אויב אזוי, זאל עס טאקע בלייבן שטעקן ביי די שטייער-אמט, ווער ווייסט וויפל הארבע מכשולים אזעלכע זאקן וואלטן געקענט גורם זיין, זאלן די יתומות ווייטער טראגן די אלטע געלאטעטע זאקן, אבער דיקע - און נישט זאקן וואס זענען מחטיא את הרבים... (ספר מעשה איש)



ענדליך צו דעם ווערט דערציילט, אז אין יענע צייט האט זיך ערוועקט א שאלה ביי ערליכע אידישע טעכטער, וועגן די דיקקייט פון די זאקן. אין די געשעפטן איז געווען צו קויפן נאר דורכזיכטיגע זאקן, און פיל עלטערן האבן אנגענומען א מיינונג, אז אזוי ווי ס'איז נישטא קיין ברירה, וועט מען מוזן אנטוהן די זאקן. אבער די צניעות'דיגע ערליכע מיידלעך, האבן זיך געווענדן צו זייער מנהל און געבעטן ער זאל גיין אנפרעגן דעת תורה פון הגאון בעל חזון איש זצ"ל, און וואס ער וועט פסק'ענען אזוי וועלן זיי טוהן.

דער מנהל האט גענומען א פאר זאקן און מיט דעם אריין אין שטוב פון חזון איש זצ"ל. דער חזון איש האט גענומען די זאקן, ארויפגעצויגן אויף זיין האנט, געקוקט אויף אלע זייטן און זיך אנגערופן: "ס'איז דורכזיכטיג, מ'זעהט אדורך, ס'איז א הלכה אז זאקן דארפן זיין געדיכט און נישט דורכזיכטיג, ס'איז נישט קיין גזירה און נישט קיין מנהג, מ'מוז גיין מיט דיקע זאקן".

ווי שווער דער נסיון איז געווען, האבן די צניעות'דיגע אידישע טעכטער אנגענומען דעם פסק הלכה ברצון ובשמחה.

ביז היינט קענען זיי נאך דערציילן מיט שטאלץ פאר זייערע קינדער און אייניקלעך, ווי אזוי זיי האבן מקבל געווען אויף זיך צו טוהן לויטן דעת תורה וואס דער חזון איש האט זיי געלערנט.



אזוי ווערט אויך דערציילט אויף רבינו הק' מסאטמאר זי"ע, אז ער האט ארויפגעצויגן זאקן אויף זיין האנט, צו זעהן צו ס'איז גענוג דיק. ער האט פארלאנגט פון היימישע אידן צו עפענען א פאבריק וואו מ'זאל פארבריצרן דיקע זאקן פון הונדערט דעניאר, כדי די פיס זאלן זיין גוט פארדעקט.

צוזאג פון בעל קדושת יו"ט:

איך זאג צו, אז יעדער איינער וואס וועט צוריק האלטן די אלע מאדעס פון זיין שטוב, וועט געהאלפן ווערן מיט קינדער און מיט פרנסה.

ספר תנא דבי אליה רבה (יח):

זי וועט זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער.

ספר קב הישר:

יעדע פרוי וואס איז איידל און באשיידן מיט אירע מעשים און מיט אירע געדאנקען, וועט זוכה זיין צו קינדער און אייניקלאך נביאים, חסידים ואנשי מעשה....

# בניך כשתילי זיתים...

דער פאלגענדער בריוו איז אריינגעשיקט געווארן צו 'טל של תחי'', אט לייענט א פערזענליכע ערפארונג וואס א פרוי דערציילט:

איך בין ב"ה געבענטשט געווארן מיט אכט טייערע אינגלעך. מיין עלטסטער אינגל איז א גרויסער מצוין, אלע מלמדים האבן אים זייער ליב געהאט. אבער מיין צווייטער אינגל איז געווען א שווער קינד. איך בין פון א קרייז פון מערסנטנ'ס ישיבה לייט און נישט חסידי'ש געשטימט. איך קום אויך נישט פון א חסידישע שטוב און נישט געהאט קיין שייכות מיט חסידים. אין מיין שטעטל זענען די גוטע חדרים זייער מקפיד אז יעדער אינגל מוז זיין א מצוין, און קיים שום חדר האט נישט געוואלט האבן צו טוהן מיט א ווילדן אינגל. ביז עס איז אונז געלונגען אריינצושטעלן דעם אינגל אין א חדר, זענען מיר אריבער פיל שוועריגקייטן. ווען ער איז שוין ענדליך געווען אין חדר, האב איך יעדן טאג באקומען א טעלעפאן רוף פון מנהל אז דער אינגל גייט נישט אין גוטן וועג. ער איז שוין געווען צען יאהר אלט, און יעדן טאג איז געווען מיט אים אן אנדער עסק. איך האב עס ממש נישט אויסגעהאלטן, און כ'האב געוויינט צו השי"ת ער זאל העלפן מיין אינגל זאל ווערן א בן תורה.

זומער זענען מיר געפארן אויף וואקאציע, דארט האבן מיר זיך געטראפן מיט חסיד'ישע בעלי בתים. איך האב זיך באפריינדעט מיט די פרויען און איך האב געזעהן אז ביי זיי איז דא געוויסע חומרות אין צניעות, וואס ביי אונז – ליטווישע בני תורה – איז נישט דא. איך האב געמאכט א קל וחומר, אז אויב זיי, וואס זיי זענען פרויען פון בעלי בתים, גייען מיט חומרות אין צניעות, כל שכן איך, וואס איך בין א ווייב פון א תלמיד חכם, דארף איך זיך אודאי פירן מיט מער צניעות.

למעשה בין איך נישט פון די גאר פרומע, און איך בין זייער א נארמאלע אנגענומענע פרוי. אבער כ'האט געטראכט אז אפשר וועט מיר דער רבש"ע העלפן. און איך האב זיך אונטער גענומען דריי זאכן וואס כ'האב געזעהן ביי די חסיד'ישע פרויען: איינ'ס – כ'האב זיך מקבל געווען בלי נדר צו אנטוהן זאכן פון **הונדערט** דעניאר. צוויי – צו מהדר זיין אין מיין קאפ צודעק, און דריי – זיך אפצושערן אינגאנצן די האר. די דריטע אונטערנעמונג איז מיר געווען די שווערסטע, ווייל ביי אונזער קרייז איז עס נישט איינגעפירט.

איין טאג האט מיר מיין שוועסטער באגעגנט, זי האט באמערקט אז איך בין אפגעשוירן און זי האט זיך צושריגן: "וואס?! דו האסט זיך אפגעשוירן? וואס איז געשעהן מיט דיר???"

איך בין געווארן רויט פון בושה. מיין סוד איז ארויס... שטילערהייט האב איך אויפגעהויבן מיין קאפ צום הימל און געזאגט: "טאטע, איך האב עס געטוהן פאר דיינעטוועגן, ווייל ס'איז דיין רצון".

און צו מיין שוועסטער האב איך געזאגט: "יא, דריי זאכן האב איך זיך מקבל געווען אין צניעות, און איך שעם זיך נישט, איך בין שטאלץ צו מחמיר זיין אין צניעות".

למעשה מיין אינגל איז געווארן א נייער מענטש. ער האט אנגעהויבן גיין אויפן גוטן וועג, און היינט איז ער א מתמיד נפלא. אפילו פרייטיג און שבת זיצט ער אין בית המדרש און לערנט און הארעוועט אין תורה ועבודה.

און נאך מער – אלע מיינע זיהן זיצן און לערנען מיט גרויס חשק. און ווען מענטשן פרעגן מיר "ווי אזוי האסטו זוכה געווען צו אזעלכע טייערע זיהן?" ענטפער איך "אז מ'איז מהדר אין צניעות, העלפט דער אויבערשטער".

אגב, איינמאל האט מיר מיין מאן דערציילט, אז ער האט געכאפט א שמועס מיט אונזער אינגל און ער האט אים געפרעגט "ווי אזוי האסטו זיך אזוי שטארק געטוישט?" האט ער געענטפערט מיט תמימות "איך האב געזעהן ווי מאמי איז געווארן מער צניעות'דיג, האב איך געטראכט אויב מיין מאמע האט זיך געטוישט צו טוהן רצון ד', מוז איך זיך אויך טוישן צו טוהן רצון ד'...."

## רבש"ע לאמיר מאכן א בייט....
## א בייט ווילן מיר מיט דיר מאכן

(דברי הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע)

מיר וועלן אויפגעבן - דאס וואס פאסט נישט פאר א בת ישראל
און דו וועסט אונז געבן - פאסיגע שידוכים.

מיר וועלן אויפגעבן - דאס וואס איז פראסט און גוי'איש
און דו וועסט אונז געבן - אידיש נחת

מיר וועלן אויפגעבן - דאס וואס איז ראשיג און אויפפאלנד
און דו וועסט אונז געבן - רוהיגקייט און מנוחת הנפש

מיר וועלן אויפגעבן - דאס וואס איז ענג און שמאל
און דו וועסט אונז געבן - הרחבת הדעת און ברייט פרנסה

מיר וועלן אויפגעבן - דאס וואס קלעבט צום גוף
און דו וועסט אונז געבן - א געזונטן גוף

מיר וועלן אויפגעבן - דאס וואס איז קורץ
און דו וועסט אונז געבן - לאנגע, גוטע יאהרן

מיר וועלן אויפגעבן - דאס וואס איז דין און דורכזיכטיג
און דו וועסט אוועקנעמען מדת הדין און פארגעבן אונזער זינד

מיר וועלן דיר געבן - א פארמאכטע האלז
און דו וועסט אונז געבן - אפענע שערי שמים

מיר וועלן נישט פארדעקן - די אמת'ע חן פון פנים
און דו וועסט אוועקנעמען - דעם הסתר פנים

מיר וועלן נישט מאכן באשלוסן צוליב דרוק פון מענטשן
און דו וועסט אונז באפרייען פונם דרוק פון גלות

די פעלקער זאגן - אז די גליק ליגט ביי זיי - ניין זאגן מיר
די פאריזער זאגן - אז פריצות איז שיין - ניין זאגן מיר
די אמעריקאנער זאגן - אז פראסט איז שיין - ניין זאגן מיר

אבער מיר אידישע טעכטער זאגן:
**יתגדל ויתקדש שמיה רבא!**

(גענומען פון בנות מלכים)

### ד' אמות של הלכה צניעות בדיבור

**א.** א פרוי טאר נישט פירן אומוויכטיגע געשפרעכן מיט א פרעמדן מאן.
**ב.** ווען זי רעדט א וויכטיגע געשפרעך, זאל זי אויך נישט רעדן קיין איבריגע רייד.
**ג.** מיט משפחה מיטגלידער ווי שוואגער'ס, קאזינ'ס, אויך שכנים און באקאנטע א.א.וו. טאר מען אויך נישט רעדן איבעריגע רייד.
**ד.** ווען מען דארף עפעס איבערגעבן זאל מען נישט איבערגעבן און נישט איבערנעמען פון האנט צו האנט.
**ה.** מען טאר נישט רעדן אדער לאכן הויך אין גאס, כדי נישט מכשיל צו זיין מענער.
**ו.** מען טאר נישט רעדן אויף א סעלפאן אין גאס, אויף א באס, א.ד.ג.
**ז.** מען טאר נישט רעדן אדער הערן מיאוס'ע רייד (ניבול פה).
**ח.** מען טאר נישט זינגען דארט וואו מענער קענען הערן.

# אויפרוף פון ביד"צ ירושלים עיה"ק

## הארבע ווארנונג

מיר זענען דערציטערט געווארן צו הערן וועגן א הארבע פירצה, און צו אונזער ווייטאג איז עס אריינגעריסן אויך אין די פרומע הייזער, דאס די פרויען האבן אנגעהויבן אנצוטוהן דורכזיכטיגע שטרימפ (וועלכע איז דירעקט געמאכט עס זאל זיך שטארק אנזעהן דער לייב דורך די טונקעלע זאקן) און זיי מאכן דערמיט זינדיגן אנדערע.

עס האט דעם דין ווי זיי וואלטן געגאנגען אן שטרימפ רח"ל, וואס דער דין איז אין שו"ע דאס ווען מען גייט אויפגעדעקט טאר מען נישט זאגן קעגן דעם קיין שום דבר שבקדושה... זיי זענען גורם... צו דערווייטערן די שכינה הק' פון צווישן אונז, ח"ו...

צו די וועלכע וועלן צוהערן אונזערע רייד וועט קומען אויף זיי אלע ברכות. זיי וועלן זעהן נחת ביי זייערע קינדער און אונזער מחנה וועט זיין ריין, מיר זאלן קענען גיין קעגן משיח צדקינו. און אזוי ווי אין זכות פון די נשים צדקניות זענען אונזערע עלטערן אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, דאס זעלבע זאלן מיר במהרה אויסגעלייזט ווערן, אמן.

**אונטער געשריבן מיט האפענונג אויף גרויס רחמי שמים**
**דאס בית דין צדק פון ירושלים עיר הק' תובב"א**

| הרב בנימין ראבינאוויטש | הרב ישראל יעקב פישר | הרב ישראל משה דושינסקי | הרב משה אריה פריינד | הרב יצחק יעקב ווייס - ראב"ד |
|---|---|---|---|---|







### עס איז אויך דא א קול קורא פון ביד"צ ירושלים וואו זיי שרייבן:

דאס פארבן די אויגן און דעם פנים פאר א פרוי איז אסור, און דאס האט גורם געווען דעם חורבן בית המקדש.

אונטערגעשריבן די אויבנדערמאנטע רבנים (חוץ הרב ווייס וואס האט שוין נישט געלעבט) בנוסף

| הרב מאיר ברנדסדארפער | הרב אברהם דוד הארוויץ | הרב משה האלבערשטאם |
|---|---|---|





## ד' אמות של הלכה

☐ די זאקן דארפן זיין גענוג דיק אז די פיס זאלן זיך בכלל נישט אדורכזעהן. פונקט ווי ביי אלע אנדערע פלעצער וועלכע דארפן זיין פארדעקט.

☐ נאכן אנטוהן די זאקן איז די פרוי (מיידל) מחויב זיך צו באקוקן צו עס זעהט זיך טאקע נישט אדורך די פיס. עס געשעהט אז נאך אפאר מאל וואשן ווערן די דיקע זאקן אויך דינער, דאן איז די עצה צו אנטוהן צוויי פאר זאקן.

☐ אין שלחן ערוך ווערט גע'פסק'נט דאס מען טאר נישט זאגן קיין שום דבר שבקדושה, בענטשן, קידוש, הבדלה, ברכות א.ד.ג. אנטקעגן א פרוי אדער מיידל וואס גייט אין דורכזיכטיגע שטרימפ. אלע ברכות וואס מען זאגט אנטקעגן זיי זענען ברכות לבטלה ר"ל. ליידער האט זיך די פירצה אריינגעכאפט אויך ביי די שענסטע משפחות. דארף מען געדענקען, אז עס איז אסור על פי הלכה, און אפילו זאקן וואס איז נאר אביסל דורכזיכטיג, איז אויך אסור על פי הלכה.

# די ראלע פון נשים צדקניות



מענטשן אין די מאסן
אויסגע'שורה'ט אין די גאסן
געקומען די שעה
משיח איז שוין דא
יעדער שטייט ווי פאראליזירט
א פחד א שרעק - משיח דיקטירט

די זיידעס און באבעס אזוי דערהויבן
אבות ואמהות קומען צו גיין פון אויבן
מען הערט אן אפקלאנג, א מעכטיגע שטים
דער ווידער-קול קלינגט אפ אומעטום

בזכות נשים צדקניות - איז די גאולה געקומען
בזכות ווער ס'איז מיט טוהן רצון ד' געווען פארנומען
משיח מיט זיין האנט טוהט ווייזן
אויף די וואס האבן נישט געטוהן גרייזן

בת ישראל, א הערליך ארט פאר דיר צוגעשטעלט
פארן אויספירן דיין תפקיד אויף דער וועלט
דעם גאלדענעם קייט נישט איבערגעריסן
קענסט שטיין ביים פארהער מיט א רוהיג געוויסן

די ערשטע פון פארנט מיט כבוד און פראכט
פאר די וואס האבן געגעבן אכט
אין די גרויסקייט פון צניעות שטענדיג געטראכט

- - - אבער אוי וויי, ס'איז דא ווען ס'איז צו שווער
זיי ווילן נישט שטיין פאר אזא פארהער
עס ווערט זיי אויפן הארץ שלעכט
און מיט רעכט
אט הערט...

- די זאקן גענוג דיק -
לויט די הלכה הונדערט פראצענט גוט
קענסט בלייבן אינדערמיט

- קנאקעדיגע שיך
מען מיינט גאר מיך
פארשיקט גאנץ גיך...

- די האלז אויסגעשניטן
מען זעהט די זייט און די ביין פון רוקן
אויף צוריק טוהט מען שיקן

- די ארבל ארויפגעצויגן
דאס טוהט נישט טויגן
פונעם רינג ארויסגעצויגן

- דער פנים אויפפאלנד און אויסגעשמירט
פון די שורה ארויס - מען פירט

- מיט (ניהט'ס) טריקו, שמאלע קליידער, זיך געטוהן באפוצן
אלע מוסר רייד, קול קורא'ס, נישט געטוהן נוצן
נישטא מיט וואס דיר יעצט צו באשיצן

קיין זאך מען פארזועהט
עס העלפט נישט קיין געבעט
חרטה - שוין צו שפעט...
הלואי ווען איך וואלט געהאט שכל מער
הלואי ווען איך וואלט נישט געווארט ביז אהער
הלואי ווען איך וואלט זיך באקלערט
הלואי ווען איך וואלט פארשטאנען די ווערד
איך האב נישט געגלויבט אז דער פארהער
וועט זיין אזוי שווער!!!

לאמיר נישטווארטן מער
לאמיר נישט פארשעמט ווערן ביים גרויסן פארהער

לאמיר זיך פארעכטן וואס שנעלער
זיך אנפאנצערן פון קאפ ביז פיס מיט די ריכטיגע געווער
לאמיר זיך אנגרייטן מלבושים פונם רבש"ע'ס מיליטער
ווייל אט אט, קומט פאר דער גרויסער פארהער...





# ס׳איז ענג דער דורכגאנג

"פארוואס האט מען נישט געקענט אביסל ברייטער מאכן דעם דורכגאנג?"

די פראגע איז געקומען פון א ערשעפטע מאמע, וואס האט זיך פראבירט דורצושטופן מיט איר צווילינג וועגאלע צווישן אנדערע וועגאלאך, בייזיק׳ס און קינדער...

אנצוקומען פונם הויפט אריינגאנג ביזן עלעוועיטער איז גארנישט גרינג. ווער רעדט נאך פון די פארנומענע צייטן, אינדערפרי און נאכמיטאג, ווען די באסעס פון די קינדער קומען. ביים בויען דעם בנין האט מען נישט גע׳חשבונ׳ט אז ווען עס קומט צוגיין אויף איינמאל א צווילינג וועגאלע פון עלעוועיטער, און אין די זעלבע צייט נאך איינס פון פארקערטן ריכטונג, איז... א טערפיק! נישט איינמאל האט א מאמע פארשפעטיגט איר קינד׳ס באס, צוליב דעם שווערן וועגאלאך טרעפיק...

אין אט אזא פרימארגן איז די פראגע געקומען: "פארוואס האט מען נישט געקענט אביסל ברייטער מאכן דעם דורכגאנג? פארוואס טאקע?"

א קלוגע שכנ׳טע האט געהאט א ענטפער: "אז מען וואלט ברייטער געמאכט דעם דורכגאנג, וואלט **דיין** דירה געווען קלענער!.

"ניין! נאר דאס נישט. איך בין מסכים זיך צו שטופן דא אביסל, אבער פון מיין דירה זאל נישט אוועק גענומען ווערן אפילו א סענטימעטער!"

אלע שכנים האבן איינשטימיג מסכים געווען: "זאל מען בעסער זיין ענג דא אין פארצימער, אבער אינדערהיים זאל זיין באקוועם!"

און דא האט עס אויפגעבליצט אין מיין מח - די משנה זאגט אונז דאך די זעלבע זאך: "**העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא**" - די וועלט איז ווי א פארצימער, א דורכגאנג, בעסער זיין ענג דא אין פארצימער, אבער דארט אויבן זאל מיר זיין באקוועם, איך בין גרייט אויפצוגעבן אביסל פארגעניגן, באקוועמליכקייטן און תאוות, אבי עס זאל מיר ענדערש אפווארטן דאס גוט׳ס דארט אויבן...

(ר.ה. אור פייגא אויסגאבע)

**דער זיידע פלעגט נאכזאגן בשם דעם הייליגן רבי׳ן רבי ברוכ׳ל זי"ע:**

## "ווי ליכטיג איז די וועלט – ווען מ׳לייגט זיך נישט אריין אין דעם, און ווי פינסטער איז די וועלט – ווען מ׳לייגט זיך יא אריין אין דעם".

# הקב"ה נעמט זיך אן פארן צדיק

**א מעשה פון הייליגן צדיק הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע - לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספר עבודת בנימין. יארצייט פארגאנגענעם י' אייר.**

רבי הלל האט געהערט אויף א געוויסע שטאט אין אונגארן, אז עס איז געשעהן דארטן א שרעקליכע פירצה, מיט דעם וואס מען האט דארט געעפנט א גרויסן מארק (שוק) יעדן שבת קודש. איז ער געפארן צו יענע שטאט, ער פלעגט זיך פירן אז אין יעדע שטאט וואו ער איז אנגעקומען מוחה זיין, האט ער גענומען א טישל, עס אראפגעשטעלט אפילו אינמיטן גאס, זיך אויפגעשטעלט און געזאגט זיינע דרשות. אזוי האט ער אויך געטוהן אין די שטאט. ער איז אנגעקומען מיט זיין טישל שבת אינדערפרי, נאך פאר דער מארק האט זיך אנגעהויבן, ער איז ארויף אויפן טיש און אגעהויבן זיין דרשה. מענטשן וואס זענען אדורך האבן זיך אפגעשטעלט אויסצוהערן זיינע וואונדערליכע רייד. אזוי האבן זיך צוביסלאך פארזאמלט אסאך מענטשן, ביז די גאס איז געווארן פול. און ווען עס איז געקומען די צייט דער מארק זאל זיך אנהויבן, האבן די סוחרים געמיינט אז באלד וועט ער זיכער ענדיגן דרש'ענען און זיי וועלן קענען געהעריג פירן זייערע געשעפטן. זיי האבן געווארט א שעה, צוויי און דריי, זיי האבן שוין נישט געהאט געדולד און געשיקט א טעלעגראם צום שטאט'ס מיניסטער, וואו זיי שרייבן אז עס איז אנגעקומען עפעס א איד וואס שטייט אינמיטן מארק און דרשנ'ט און שטערט די סוחרים פון האנדלען, און זיי בעטן פונם מיניסטער ער זאל ארויסגעבן א באפעל דער איד זאל שוין פארלאזן דעם מארק פלאץ. דער מיניסטער האט געשיקט א שליח זיך אינטערעסירן ווער עס איז דער בעל דרשן. ווען מען האט פארגעשטעלט פארן מיניסטער ווער דער איד איז, האט ער זיך אנגערופן: 'כ'האב מורא צו טשעפען מיט אים, ווייל ער איז א גרויסער מאן"

ווען די סוחרים האבן געזעהן אז דער טאג גייט באלד אוועק און מ'זאל קענען האנדלען, האבן זיי געשיקט א טעלעגראם צום שר פון די הויפט שטאט פעסט, און זיי האבן אים געבעטן ער זאל ארויסגעבן א באפעל פארן שטאט'ס מיניסטער, אז ער מוז פארטרייבן דעם בעל דרשן פון שטאט.

דער שר פון פעסט האט אנגענומען זייער פארלאנג, און געשיקט א דרינגענדער באפעל פארן מיניסטער, ער זאל פארשיקן דעם בעל דרשן, און דער מיניסטער איז געווען געצוואונגען צו פאלגן. אבער אנשטאט צו שיקן אויספירן דעם באפעל, איז ער אליין געגאנגען בכבודו ובעצמו, און זיך פארענטפערט פארן צדיק: "צו ערשט האבן די מארק סוחרים מיר אליין געבעטן איך זאל אייך פארשיקן, אבער איך האב זיי נישט געוואלט פאלגן, נאר יעצט בין איך געצוואונגען עס צו טוהן, ווייל דער שר פון פעסט האט מיר אויף דעם באפוילן, דעריבער בעט איך איר זאלט פארלאזן די שטאט".

רבי הלל האט אפגעשטעלט זיין דרשה און ארויס פון שטאט. און רבי הלל האט פארדינט אז ער האט מקדש געווען שם שמים מיט זיין דרשה פאר א גרויסן פארזאמלונג פון אידן, וואס האבן געהערט פון אים דברי התעוררות.

עס האט נישט גענומען לאנג, און ביז אפאר וואכן איז די גאנצע שטאט פארשוועמט געווארן ר"ל אין וואסער, אלס שטראף פארן פוגע זיין בכבודו של צדיק.

דאס איז פאר אונז א גרויסער מוסר השכל, אזוי ווי מיר זעהען אין די משנה "**הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה**", ווייל די שטאט מענטשן האבן נישט חס געווען אויפן כבוד פון צדיק, האבן זיי אזוי שרעקליך און ביטער באצאלט דערפאר, אזוי אויך זעהען מיר, ווי ווייט אונזער הייליגער זיידע ר' הלל קאלאמייער זצוק"ל האט מקיים געווען די מצוה פון תוכחה, אז ער איז געגאנגען דערפאר ביז מסירות נפש, און זיין אייגענער כבוד איז ביי אים געווען גארנישט, ווען ער האט זיך געדארפט אנעמען פארן כבוד שמים.







# ספר משכיל אל דל (כלל א פרט א)



עס שטייט אין שיר השירים: צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה - קוקט אידישע טעכטער אויף די גרויסקייט און חשיבות פון שלמה המלך, וואס האט זוכה געווען צו גילוי שכינה ווען ער איז אלט געווען צוועלעף יאהר, און ער האט זוכה געווען צו זיין דער חכם מכל אדם, און ער איז געווען מלך בעליונים ובתחתונים - ער האט געהערשט אויף די אויבערשטע און אויף די אונטערשטע

אזוי ברענגט דער מהרש"א, אז דעריבער האבן די חכמים געפרעגט פון קמחית, ווי אזוי זי האט זוכה געווען צו אזעלכע חשוב'ע זיהן, און נישט פון איר מאן - ווייל די יראת שמים, צניעות און מידות

און דאס איז די כוונה פון פסוק 'בעטרה שעטרה לו אמו' - די כבוד און גדולה צו וואס שלמה המלך האט זוכה געווען, האט זיין מאמע צוגעברענגט דערצו, מיט איר צניעות און ריינע יראת שמים.

און ווייל עס איז אזוי, אז די צדקות און צניעות און יראת שמים פון די מאמע, קען אזוי שטארק פועל'ן און העלפן פאר די קינדער, דעריבער - בנות ציון - צאינה וראינה, גייט ארויס

וועלטן, און ווער האט אים צוגעברענגט צו די גרויסע מדריגות? 'בעטרה שעטרה לו **אמו**' - זיין מאמע - וואס אויף איר ווערט געברענגט אז אלע פרויען פון דוד המלך האבן צוגעזאגט נדרים כדי זייער זוהן זאל ווערן מלך, און די מאמע פון שלמה האט צוגעזאגט נדרים אז איר זוהן זאל וואקסן גרויס אין תורה, זי מיט איר צדקות, האט באקומען דעם שכר אז שלמה איז אויסגעוואקסן אזוי גרויס.

טובות פון די מאמע זענען א גרעסערער גורם (העלפן מער) פאר אירע קינדער, צו זיין צדיקים און חכמים, ווי די צידקות פון דעם טאטן.

און זעהט, און לערנט זיך א מוסר השכל פון דעם.

עד כאן די ווערטער פון הייליגן זיידן רבי הלל קאלאמייער זצוק"ל זי"ע.

דורך לערנען און זיך אנשטרענגען צו מקיים זיין זיינע הייליגע ווערטער, וועט עס זיכער זיין א זכות פאר אונז - זיינע אייניקלאך - ער זאל זיין א מליץ יושר און פועל'ן פאר אונז אלע **רפואות** און **ישועות**, פאר יעדן וואס מען דארף, אכי"ר.

# וועמענ'ס איז דער קבר?





דער מונקאטשער רב, בעל מנחת אלעזר זצ"ל ברענגט אין זיין ספר (דברי תורה חלק ד סימן ע"ו) די פאלגענדע מורא'דיגע פאסירונג, וואס ער האט אליין בייגעוואוינט.

די רעגירונג האט באשלאסן צו בויען נייע באן-שינעס אין די שטאט היקליווע. די באן שינעס האבן געדארפט דורכשניידן א חלק פונם אידישן בית החיים, וואס צוליב דעם זענען די אידן געווען געצוואונגען צו מפנה זיין א חלק פון די קברים.

פיל חשוב'ע רבנים און דיינים זענען געקומען צו פארן צום בית החיים, אויך א גרויסער עולם האט זיך דארטן פארזאמלט, און דער מונקאטשער רב - דאן א דרייצן יעריגער בחור'ל - האט זיך געפונען צווישן די פארזאמלטע.

פלוצלונג איז געווארן א גאנצע בהלה ארום איינע פון די אויפגעעפנטע קברים. דער מונקאטשער רב האט זיך אהין געאיילט, וועלנדיג זעהן וואס דער טומל איז.

ווען ער איז אנגעקומען צום פלאץ און געזעהן וואס עס גייט דארט פאר, איז ער געווארן אינגאנצן שאקירט: פאר אים און פאר אלע פארזאמלטע האט זיך אנטפלעקט א קבר פון איבער הונדערט יאהר אלט, אויף די מצבה איז געשטאנען א נאמען פון א פרוי מיט גאר גרויסע שבחים וועגן די גרויסקייט פון איר צניעות, **און איר קערפער איז געווען גאנץ!** מיט גרויס כבוד האט מען איר אריינגעלייגט אין א פרישן ארון און מקבר געווען אויפן נייעם פלאץ.

יא! דאס איז א חלק פונם שכר פאר א אשה צנועה, א זאך וואס טרעפט זיך געווענליך נאר ביי גאר הייליגע צדיקים.

# וואס ענטפערט דער חפץ חיים?

אין די גרויסע שטאט ווין, האבן זיך פארזאמלט אסאך גדולי ישראל, צווישן זיי אויך דער חפץ חיים זצ״ל, כדי צו זעהן וואס מ׳קען טוהן צו מחזק זיין דעם מצב אין אידישקייט. אין יענעם זאל איז געווען א הויכע גאלעריע פאר ווייבער צו קענען מיטהאלטן. האט זיך ערוועקט א שאלה צו דער פארהאנג וואס טיילט אפ דעם עזרת נשים פון די מענער, איז גענוג הויך. טייל האבן געהאלטן אז עס איז גוט, און טייל האבן געהאלטן אז נישט. איז געבליבן מ׳זאל פרעגן דעם חפץ חיים זצ״ל, און ווי ער וועט ענטפערן אזוי וועט מען טוהן.

דער חפץ חיים האט אויסגעהערט די שאלה, און דאס איז געווען זיין ענטפער: וואס איז די גרעסטע צרה וואס קען זיין פאר כלל ישראל? אויב דער רבש״ע זאל אונז חלילה פארלאזן. וואס איז די עצה אז דער רבש״ע זאל אונז נישט פארלאזן? קדושה! וואס מער קדושה, אלס מער רוהט די שכינה. און וואס מער שכינה מיר האבן, אלס מער סייעתא דשמיא האבן מיר. במילא, אזוי ווי מיר זענען יעצט אנגעוויזן אין אסאך סייעתא דשמיא, איז נישט קיין שאלה צו די מחיצה איז גענוג אויסגעהאלטן, אדרבה, זאל מען מאכן בעסער וועט זיין מער שכינה, און מער סייעתא דשמיא.

האט אונז דא דער חפץ חיים געלערנט, אז די השגחה פון הייליגן באשעפער אויף אונז, איז לויט פארשידענע דרגות. מיט מער צניעות איז דער הייליגער באשעפער נאך מער מיט אונז, די דרגה פון השראת השכינה ווענדעט זיך אין די דרגה פון צניעות, און אויב חלילה ס׳איז דא חוסר צניעות, דערווייטערט זיך דער רבש״ע פון אונז, ווי מער פראבלעמען אין צניעות - אלס מער שטופט מען אוועק די שכינה ח״ו.

ווי שטארק איז יעדע אידיש קינד אנגעוויזן אויף רחמי שמים?! אויב אזוי דארף מען דאך זוכן ווי מער צו מהדר זיין אין צניעות, און ברענגען די הייליגע שכינה אלס נענטער צו אונז.

אזוי אויך ווערט דערציילט אז א חבורה פון ערליכע יונגעלייט איז אמאל אריינגעקומען צו רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ״ל, און אים געבעטן ער זאל זיי אנווייזן מיט וואס זיי קענען זיך דערהייבן מער אין עבודת ה׳, וועלכע חומרות זאלן זיי נעמען אויף זיך, אין וועלכע ענין זאלן זיי מער מדקדק זיין.

האט זיי רבי שלמה זלמן געענטפערט: ס׳פעלט נישט אויס קיין חומרות, דער עיקר זאלט איר זיך פארנעמען אפצוהיטן יעדע הלכה ווי מען דארף, עס זאל זיין לכתחילה און נישט בדיעבד.

די יונגעלייט זענען נישט געווען צופרידן, און ווייטער געבעטן ער זאל זיי אנווייזן אויף א ענין וואס וועט זיי העלפן שטייגן העכער, און ווערן נענטער צום אויבערשטן.

האט ער זיי געענטפערט: אלע חומרות און הידורים איז גארנישט, קעגן איין קליין הידור אין צניעות! ביי די ענינים פון קדושה און צניעות איז יעדע קלייניגקייט זייער פיל ווערד אויבן אין הימל, דאס הייליגט און דערהייבט דעם מענטש צום באשעפער, ווי חז״ל זאגן: ׳כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה׳ - דארט וואו מען צוימט זיך מיט מער צניעות - דארט איז דא קדושה, מיט דעם דערהייבט מען זיך ברוחניות.





רבי יוחנן שמע בתולה שנפלה על אפה ובקשה:

**רבונו של עולם,**
**בראת גן עדן ובראת גיהנם,**
**בראת צדיקים ובראת רשעים,**
**יהי רצון מלפניך**
**שלא יכשלו בי בני אדם.**

סוטה כב.

